ספר

# נעימות אליעזר

## על התורה

ומועדים

# בא

וַיֹּאמֶר יהו-ה אֶל מֹשֶׁה בֹּא אֶל פַּרְעֹה כִּי אֲנִי הִכְבַּדְתִּי אֶת לִבּוֹ וְאֶת לֵב עֲבָדָיו לְמַעַן שִׁתִי אֹתֹתַי אֵלֶּה בְּקִרְבּוֹ: לכאורה איז דאך שווער א מורא'דיגע קשיא, ווייל מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז ווען א מענטש וויל זאגן פאר זיין חבר אז ער זאל ערגעץ גיין, דעמאלט'ס זאגט ער איהם, אז: "לֵךְ" – גיי.. דארטן און דארטן, אבער דא ביי אונזער פרשה זעהט מען, אז דער אייבערשטער האט נישט געזאגט דא פאר משה רבינו אז: "לֵךְ" אֶל פַּרְעֹה – אז ער זאל "גיין" צו פרעה, נאר דער אייבערשטער האט דא געזאגט פאר משה רבינו דעם לשון אז: "בֹּא" אֶל פַּרְעֹה – אז משה רבינו זאלן "קומען" צו פרעה, איז דאך לכאורה שווער, אז פארוואס האט זיך דער אייבערשטער באנוצט דא מיט דעם לשון: "בֹּא" – קום, לכאורה [על פי דקדוק] וואלט דאך דער אייבערשטער געדארפט זאגן פאר משה רבינו אז: "לֵךְ" אֶל פַּרְעֹה – אז ער זאל "גיין" צו פרעה..?!

און נאך א נקודה דארף מען דאך פארשטיין דא, ווייל עס שטייט דאך דא אין פסוק, אז דער אייבערשטער האט דא געזאגט פאר משה רבינו, אז: "בֹּא אֶל פַּרְעֹה" – קום (גיי) צו פרעה, אבער דו ווייסט פארוואס איך שיק דיר צו פרעה..?! ווייל: "כִּי אֲנִי הִכְבַּדְתִּי אֶת לִבּוֹ" – ווייל איך האב שווער געמאכט די הארץ פון פרעה, אבער לכאורה איז דאך שווער דא א מורא'דיגע קשיא, ווייל וואס איז די תירוץ פון: "כִּי אֲנִי הִכְבַּדְתִּי אֶת לִבּוֹ".. אויף דעם וואס דער אייבערשטער האט דא געזאגט פאר משה רבינו אז ער זאל גיין צו פרעה..?! וויבאלד: "כִּי אֲנִי הִכְבַּדְתִּי אֶת לִבּוֹ" – וויבאלד דער אייבערשטער האט שווער געמאכט די הארץ פון פרעה.. וועגן דעם דארף משה רבינו גיין צו פרעה..?! מה ענין שמיטה אצל הר סיני..?!

נאר די תירוץ אויף די ביידע קשיות איז, אז.. ניין, עס איז נישט געווען ח"ו קיין שום טעות דא, נאר דער אייבערשטער האט דוקא געזאגט פאר משה רבינו דעם לשון פון: "בֹּא" אֶל פַּרְעֹה – "קום" צו פרעה, ווייל דער אייבערשטער האט דאך שוין געהאלטן דא נאכן שיקן משה רבינו עטליכע מאל צו דעם רשע פרעה הרשע איהם בעטן אז ער זאל ארויס לאזן די יודישע קינדער פון מצרים, אבער יעצט.. ווען דער אייבערשטער האט געוואלט שיקן משה רבינו נאך אמאל צו דעם רשע פרעה הרשע, האט דער אייבערשטער געזעהן אז משה רבינו האט אָן געהויבן גאר שטארק מורא צו גיין צו פרעה, האט איהם דער אייבערשטער גלייך געפרעגט, אז זאג מיר נאר משה מיין קנעכט, פארוואס האסטו אזוי שטארק מורא צו גיין נאך אמאל צו פרעה הרשע און איהם אָן ווארענען אז ער זאל ארויס לאזן די יודישע קינדער פון מצרים..?!

האט משה רבינו גע'ענטפערט פארן אייבערשטן, אז.. הייליגער באשעפער אין הימל, איך מוז דיר זאגן.. אז דער פרעה הרשע דא מוז זיין די גרעסטע "כח הטומאה" וואס עס איז נאר פארהאנען אויף דער וועלט, ווייל.. געב נאר א קוק, ער האט דאך שוין באקומען גאנצע זיבן ביטער'ע מכות ביז יעצט, [ווייל מען האלט דאך שוין יעצט ביי מכת ארבה], און דער פרעה הרשע האט דאך שוין בעצם קלאר געזעהן: "עַיִן בְּעַיִן" אז עס איז דא א גרויסער באשעפער אויף דער וועלט וואס האלט איהם און איין שטראפן אויף דעם וואס ער לאזט נישט ארויס די יודישע קינדער פון מצרים, אבער מיט דעם אלעמען.. איז פרעה'ס הארץ אבער נאך אלץ געבליבן פאר שטיינער'ט, און ער האלט נאך אלץ נישט ביים ארויס לאזן די יודישע קינדער פון מצרים.

און ממילא וועגן דעם האט דא משה רבינו געפרעגט דעם אייבערשטן, אז.. הייליגער באשעפער אין הימל, ווי אזוי איז מעגליך בכלל אז א מענטש זאל זיך אזוי פאר עקשנ'ען נאך דעם וואס ער האט דאך שוין אליין

געזעהן: "עַיִן בְּעַיִן" דעם גרויסן כח פון דעם גרויסן מעכטיג'ן: "יהו-ה אִישׁ מִלְחָמָה"..?! ווי אזוי קען ער זיך נאך אזוי שטארק איין עקש'נען..?! נאר אלא מאי מוז דאך זיין אז דער פרעה איז דער גרעסט'ער "כח הטומאה" וואס עס איז נאר פארהאנען אויף דער וועלט, ווייל אויב נישט, דעמאלט'ס וואלט ער זיך דאך שוין פון לאנג צוריק געבראכן און ארויס געלאזט די יודישע קינדער פון זיין לאנד, און אויב דער פרעה איז דער גרעסט'ער "כח הטומאה" וואס עס איז נאר פארהאנען אויף דער וועלט, האב איך דעמאלט'ס פשוט גאר שטארק מורא צו גיין צו אזא מענטש און שטיין מיט איהם אין ווארט, ווייל עס קען דאך מיר חלילה גאר שטארק שאטן ח"ו.

און חוץ פון דעם.. האט דא משה רבינו געזאגט פארן אייבערשטן, אז דער פרעה הרשע איז דאך א אייניקל פון: "חָם" בֶּן נֹחַ, און: "חָם" איז דאך געווען די גרעסטע "מקור הטומאה" כידוע, און ממילא וועגן דעם אליין האב איך גאר שטארק מורא צו גיין צו דעם פרעה הרשע, ווייל אויב איך וועל גיין צו פרעה, וועל איך דאך דארפן שטיין אנטקעגן די גרעסטע "מקור הטומאה" אליין און זיך טענה'נען מיט איהם, און ווען איך טראכט נאר פון אזא זאך, כאפט דאך מיר פשוט אָן א ציטער און א שרעק.

און ווי נאר דער אייבערשטער האט געהערט די ווערטער פון משה רבינו, האט דער אייבערשטער גלייך געזאגט פאר משה רבינו, אז.. משה משה, דו ביזט דאך אזוי גערעכט, ווייל עס איז דאך אמת טאקע אז דער פרעה הרשע איז דאך די גרעסטע "מקור הטומאה" וואס עס איז נאר פארהאנען אויף דער וועלט, אבער אפילו הכי דארפסטו אבער נאך אלץ נישט מורא האבן פון צו גיין צו איהם, ווייל יעצט גיי איך דיר שוין נישט זאגן אזוי ווי איך האב דיר פריער'דיגע מאל געזאגט אין פרשת וארא (קפיטל ז' פסוק ט"ו) אז: "לֵךְ אֶל פַּרְעֹה בַּבֹּקֶר הִנֵּה יֹצֵא הַמַּיְמָה וְנִצַּבְתָּ לִקְרָאתוֹ עַל שְׂפַת הַיְאֹר" וגו', ניין ניין ניין, נאר יעצט גיי איך דיר שוין זאגן א נייע שפראך אינגאנצן, ווייל יעצט זאג איך דיר משה מיין קנעכט, אז: "בֹּא" אֶל פַּרְעֹה – יעצט קומסטו מיט צוזאמען מיט מיר צו דעם גרויסן רשע פרעה הרשע וואס איז דאך די גרעסטע "מקור הטומאה".

און איך זאג דיר נישט ח"ו אז: "לֵךְ" אֶל פַּרְעֹה – און איך זאג דיר נישט ח"ו אז "גיי דיר אליין צו דעם טמא'נעם פרעה", ניין ניין ניין, איך שיק דיר נישט אליין, דו האסט דען געמיינט פאר איין רגע אז ווען איך שיק א יודיש קינד זיך צו שלאגן מיט די גרעסטע "כח הטומאה" דעמאלט'ס שיק איך איהם אליין..?! חס ושלום, קיינמאל נישט, עס איז נישט דא אזא זאך זאך, נאר מיר וועלןביידע גיין צוזאמען אינאיינעם, און מיט א פאר אייניגט'ע כח וועלן מיר קענען אונטער ברעכן די גרעסטע כוחות הטומאה וואס עס איז נאר פארהאנען אויף דער וועלט.

ווייל.. ניין, ווען דער אייבערשטער שיקט אמאל א יודיש קינד זיך צו שלאגן מיט די טמא'נע "סטרא אחרא" אליין, דעמאלט'ס שיקט ער איהם נישט ארויס אליין אויפן גרויסן שלאכט פעלד מלחמה האלטן מיט די טמא'נע סטרא אחרא, נאר דער אייבערשטער (כביכול) אליין גייט דעמאלט'ס אויך ארויס מלחמה האלטן אנטקעגן די סטרא אחרא צוזאמען מיט דעם מענטש, און דער אייבערשטער העלפט דעמאלט'ס ארויס דעם יוד מלחמה האלטן אנטקעגן די סטרא אחרא אויף יעדן טריט און שריט, און דער אייבערשטער העלפט דעמאלט'ס דעם יוד קעמפן אנטקעגן די סטרא אחרא כדי אז דער יוד זאל טאקע קענען בלייבן א גאנצן צייט א אמת'ע: "אִישׁ מִלְחָמָה" אנטקעגן די טמא'נע "סטרא אחרא".

און עס איז דאך שוין טאקע אויך באקאנט פאר א יעדעם איינעם, אז עס ווערט דאך שוין געברענגט אין די ספרים הק', אז "פרעה הרשע" איז דאך רומז אויף דעם "יצר הרע" וואס לאזט נישט א מענטש דינען דעם אייבערשטן, נאר ער מאכט שטענדיג א: "כבדות לב" – ער מאכט שטענדיג א שווער הארץ פאר א מענטש ווען עס קומט צו "עבודת השם יתברך", און ער מאכט שטענדיג א שווער הארץ פאר א מענטש ווען עס קומט צו טוהן א גוטע זאך, און דורך דעם וואס דער יצר הרע פילט אָן אין די הארץ פון א יודיש קינד מיט נישט גוטע זאכן, קען נישט דעמאלט'ס דער יוד דינען דעם אייבערשטן ווי עס דארף צו זיין, ווייל דער יוד

שפירט דעמאלט'ס אין א יעדע מצוה אזא: "כבדות" – אזא שווערקייט, און א יעדע גוטע זאך קומט איהם נעבעך אָן דעמאלט'ס אזוי שווער דאס מקיים צו זיין.

און מיר ווייסן דאך שוין טאקע אלע אויך זייער גוט דעם הייליגן יסוד, אז דער הייליגער תורה הק' איז נישט סתם עפעס א אינטרעסאנט'ע פאסירונג וואס האט אמאל פאסירט צו אונזערע עלטער עלטער עלטער זיידעס פאר צענדליגע טויזנט'ער יאר צוריק, ניין ניין ניין, נאר דער הייליגער תורה הק' איז א: "דבר נצחי" – דער הייליגער תורה הק' איז א זאך וואס לערנט אונז אויס "הנהגות החיים" לדורות עולם פאר אייביג: "לְעוֹלְמֵי עַד וּלְנֵצַח נְצָחִים" ביז משיח וועט קומען.

און ממילא וועגן דעם זאגן די ספרים הק', אז ווען דער אייבערשטער זעהט אמאל פון אויבן ווי א יודיש קינד מוטשע'ט זיך נעבעך אזוי שטארק מיט זיין שווער'ן יצר הרע, און דער יוד טראכט שוין נעבעך דעמאלט'ס ביי זיך, אז נע.. מיין יצר הרע איז דאך א: "מַלְאָךְ", און מיין יצר הרע איז דאך די גרעסטע "מקור הטומאה", ווייל די שטן איז דאך די גרעסטע "מקור הטומאה", און משא"כ "איך"..?! איך בין דאך נאר א קליינע מענטשעל'ע וואס פארמאגט דאך נישט אזא שטארקע: "כֹּחַ הַקְדוּשָׁה" זיך צו קענען שלאגן אנטקעגן דעם גרויסן שרעקעדיג'ן "יצר הרע" וואס איז דאך די גרעסטע "כח הטומאה" וואס עס איז נאר פארהאנען אויף דער וועלט.

זאגט איהם אבער דעמאלט'ס דער אייבערשטער גלייך, אז.. ר' יוד, דו ביזט גערעכט טאקע מיט דעם וואס דו זאגס'ט מיר דא אז דו קענסט זיך נישט שלאגן מיט א: "מַלְאָךְ" וואס איז דאך די "מקור הטומאה", אבער וויסן זאלסטו טייערע יוד, אז ווען א יודיש קינד שלאגט זיך מיט זיין יצר הרע, דעמאלט'ס שלאגט ער זיך נישט אליין, נאר "איך" שלאג זיך דעמאלט'ס מיט צוזאמען מיט איהם, און.. יא, איך העלף איהם דעמאלט'ס קעמפן אנטקעגן זיין שווער'ן יצר הרע.

און ממילא קומט דאך אויס פון דעם א מורא'דיגע זאך, אז וואס..?! אז ווען א יודיש קינד לערנט אפ דעם פסוק פון: "בֹּא אֶל פַּרְעֹה" וגו', קען ער זיך דעמאלט'ס אמאל מאכן א חשבון א געבן א טראכט צו זיך, אז.. שוין, נאך א: "בֹּא אֶל פַּרְעֹה".. עס איז דאך שוין געשטאנען פאריגע וואך אין די פרשה דעם: "בֹּא אֶל פַּרְעֹה"..?! נאך א: "בֹּא אֶל פַּרְעֹה"..?! מען האלט דאך שוין דא ביי דעם זיבעט'ן מכה..?! און דא ברענגסטו מיר אריין נאך א: "בֹּא אֶל פַּרְעֹה"..?!

אבער עס איז דאך נישט אזוי, ווייל דער אייבערשטער וויל דיר דאך עפעס אויס לערנען מיט דעם, און די ענין פון: "בֹּא אֶל פַּרְעֹה" איז דאך גאר גאר א שטארקע "יסוד" וואס א יעדע יודיש קינד איז דאך מחויב צו געדענקען א יעדע מינוט פון דעם טאג, אז וואס..?! די תירוץ אויף דעם איז, אז דער הייליגער תורה הק' איז דאך "נצחי"..! און ממילא ווען א יודיש קינד זעהט אמאל אז ער מוטשע'ט זיך גאר שטארק מיט זיין יצר הרע, דארף ער זיך דעמאלט'ס נאך אמאל איין חזר'ן דעם: "בֹּא" אֶל פַּרְעֹה, און ער דארף זיך דעמאלט'ס נאך אמאל דערמאנען דעם יסודות'דיגן כלל וואס חז"ל האבן אונז געלערנט אז: "אלמלא הקדוש ברוך הוא עוזרו אינו יכול לו" – אז ווען נישט וואס דער אייבערשטער העלפט ארויס דעם מענטש צו קעמפן אנטקעגן זיין יצר הרע, דעמאלט'ס וואלט דער מענטש קיינמאל "נישט" געקענט ביי קומען זיין יצר הרע.

אבער וויבאלד דער אייבערשטער זאגט פאר א יודיש קינד, אז: "בֹּא" – קום..! קום נאר מיין קינד, קום נאר מיט מיר צוזאמען, ווייל מיר גייעןביידע צוזאמען מלחמה האלטן אנקעגן דעם שלעכט'ן יצר הרע, [און דער אייבערשטער איז דאך בעצם די בעסטע שותף מיט צו נעמען פאר א: "מִלְחָמָה", ווייל דער אייבערשטער איז דאך א: "אִישׁ מִלְחָמָה", אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש קומענדיגע וואך אין די פרשה אין פרשת בשלח (קפיטל ט"ו פסוק ג'), אז: "יהו-ה אִישׁ מִלְחָמָה יהו-ה שְׁמוֹ" – אז דער אייבערשטער איז דאך די בעסטע: "אִישׁ מִלְחָמָה" מיט צו נעמען פאר א: "מִלְחָמָה"], און וויבאלד דער

אייבערשטער גייט מיט צוזאמען מיט א יודיש קינד מלחמה האלטן אנטקעגן דעם שלעכט'ן יצר הרע, ממילא וועגן דעם קען אפילו א קליינטשיג'ע יוד'ל אויך ביי קומען זיין גרויסן שווער'ן יצר הרע.

אבער.. עס פעלט זיך אויס איין תנאי צו דעם, וואס איז דער תנאי..?! דער תנאי איז, אז: "בֹּא" – אז א יודיש קינד דארף זיין גרייט מיט צו גיין מיטן אייבערשטן צו דעם גרויסן: "מלחמת היצר", און נישט זאגן פארן אייבערשטן, אז.. דו גיי דיר מלחמה האלטן אנקעגן דעם יצר הרע, און איך וועל זיך שוין זיצן דא רואיג און הנאה האבן פון דער וועלט, ניין ניין ניין, נאר א יודיש קינד דארף זאגן פארן אייבערשטן, אז: "בֹּא" – קום.. קום טאטע אין הימל, און: "עֲמוֹד עַל יְמִינִי" – און האלט אָן מיין רעכטע האנט, און: "וְסָמְכֵנִי" – און העלף מיר קעמפן: "אֶל פַּרְעֹה" – און העלף מיר קעמפן אנטקעגן די טמא'נע "סטרא אחרא" וואס איז דאך אזוי שטארק געווארן אין די היינטיגע דור, און יא באשפער, לאמיר גיין צוזאמען מלחמה האלטן אנקעגן דעם טמא'נעם יצר הרע, און איך וועל אויך צו לייגן א האנט צו דעם גרויסן: "מִלְחָמָה לַיהו-ה בַּעֲמָלֵק", ווייל יא טאטע אין הימל, איך בין אויך גרייט צו ארבעטן אויף מיר.

און אויב א יודיש קינד זאגט פארן אייבערשטן דעם: "בֹּא" – אז איך בין אויך גרייט מיט צו ארבעטן מיט דיר אין די שווערע: "מִלְחָמָה" אנקעגן דעם יצר הרע, דעמאלט'ס קען דער מענטש טאקע זוכה זיין צו שטיין פעלזן פעסט: "אֶל פַּרְעֹה" – אנטקעגן דעם "סטרא אחרא" – אנטקעגן דעם "יצר הרע", און נישט ח"ו נאך געשלעפט ווערן נאך איהם, איי פארוואס טאקע..?! די תירוץ אויף דעם איז, ווייל ער פארמאגט דאך מיט זיך א "סייעתא דשמיא" – ווייל ער פארמאגט דאך מיט זיך א הילף פון הימל, ווייל דער "אייבערשטער" העלפט דאך איהם, און נאר וועגן דעם קען ער ביי קומען זיין יצר הרע, ווייל אנדערש קען מען דאך נישט, ווייל חז"ל זאגן דאך אונז שוין קלאר, אז: "אלמלא הקדוש ברוך הוא עוזרו" – אז ווען נישט וואס דער אייבערשטער העלפט דעם מענטש קעמפן אנטקעגן זיין יצר הרע, דעמאלט'ס: "אינו יכול לו" – דעמאלט'ס קען דאך דער מענטש אויס דרוק'לעך "נישט" געווינען זיין יצר הרע.

אבער משא"כ ווען דער מענטש זאגט פארן אייבערשטן אז: "בֹּא" – אבער ווען דער מענטש זאגט פארן אייבערשטן אז "קום".. קום טאטע, און כאפ אָן מיין האנט, און: "עֲמוֹד עַל יְמִינִי" – און שטיי לעבן מיר, און: "וְסָמְכֵנִי" – און העלף מיר ארויס מיט מיין שווער'ן: "מִלְחָמָה" אנטקעגן מיין יצר הרע, דעמאלט'ס איז ער פאר זיכער'ט מיט א זיכער'ע הבטחה אז ער וועט קענען שטיין פעלזן פעסט: "אֶל פַּרְעֹה" – אנטקעגן זיין יצר הרע, און נישט ח"ו אריין פאלן אין זיין טמא'נעם נעץ, ווייל די יסוד איז, איין זאך, און דאס איז, אז א יודיש קינד דארף שטענדיג זיין געבויגן צום אייבערשטן, און א יודיש קינד דארף שטענדיג מיט גיין צוזאמען מיטן אייבערשטן וואו אומ'ער ער גייט נאר, און א יעדע זאך וואס שטערט איהם דארף ער גלייך פארציילן פארן אייבערשטן, און דאס מיינט לעבן מיט: "שִׁוִּיתִי יהו-ה לְנֶגְדִּי תָמִיד".

און: "שִׁוִּיתִי יהו-ה לְנֶגְדִּי תָמִיד" איז דאך די "יסוד" פון א יוד, נישט צו פארגעסן פון דעם אייבערשטן פאר קיין איין רגע אין דעם טאג, און ווען א יודיש קינד זעהט אמאל אז עס גייט איהם אביסעל'ע שווער אין עבודת השם יתברך, דעמאלט'ס זאל ער זיך גלייך ווענדן צום אייבערשטן, און ער זאל דעמאלט'ס גלייך זאגן פארן אייבערשטן, אז: "בֹּא" – קום טאטע..! און העלף מיר ארויס: "אֶל פַּרְעֹה" – און העלף מיר ארויס אנקעגן מיין שווער'ן יצר הרע וואס זוכט מיר דא אונטער צו ברענגען, ווייל וואס זאל איך טוהן רבונו של עולם..?! איך קען דאך נישט אליין, עס גייט דאך מיר נישט, איך האלט און איין פראבירן צו געווינען מיין יצר הרע, אבער עס גייט מיר נישט, וואס זאל איך טוהן.

און א מענטש דארף זיך צו געוואוינען ארויס צו קרעכטצען פון הארץ נאך א תפילה און נאך א תפילה און נאך א תפילה פארן הייליגן באשעפער, און מען דארף איהם בעטן פון טיפעניש'ן פון "הארץ" אז דער אייבערשטער זאל אונז ראטעווען פון דעם בייז ווילי'גן יצר הרע וואס וויל אונז אפ רייסן פון דעם אייבערשטן, ווייל דאס דארף דאך דער אייבערשטער, אז מען זאל איהם בעטן מיט די גאנצע "הארץ", און מיר דארפן איהם אלע שטענדיג בעטן מיט גרויס כוונה, אז: "וְתַצִּילֵנִי מִיֵּצֶר הָרָע" – אז ער זאל אונז

ראטעווען פון די הענט פון דעם יצר הרע, ווייל.. יא, מען "מעג" מאכן תפילות אויף דעם אויך, און מען "דארף" מאכן תפילות אויף דעם אויך.

איי.. וועט איינער אבער פרעגן, אז ווי אזוי קענען מיר דעמאלט'ס בעטן דעם אייבערשטן א יעדן טאג ביי די: "לְשֵׁם יִחוּד" פון מצות תפילין אז: "שֶׁלֹּא יְפַתֵּנוּ" וכו' – ווי אזוי קענען מיר דעמאלט'ס בעטן דעם אייבערשטן א יעדן טאג אז די יצר הרע זאל אונז מער נישט פראבירן איבער צו רעדן צו טוהן עבירות, נאר: "וִיַנִיחֵנוּ לַעֲבֹד אֶת יהו-ה" – נאר ער זאל אונז שטענדיג לאזן דינען דעם אייבערשטן: "כַּאֲשֶׁר עִם לְבָבֵנוּ" – אזוי ווי מיר ווילן דאך טאקע אלע באמת, וואס הייסט אז "דער יצר הרע זאל אונז אפ לאזן"..?! דאס איז דאך די ארבעט פון דעם יצר הרע..?! אז "ער זאל איבער רעדן מענטשן צו טוהן עבירות", און וועגן דעם איז ער דאך באשאפן געווארן, און ממילא ווי אזוי קענען מיר בעטן פון דעם אייבערשטן אזעלכע סארטן בקשות..?!

אבער די תירוץ אויף דעם איז, אז.. ניין, עס איז נישט אמת, ווייל מיר יודן האבן דאך אלע באקומען רעכט צו "בעטן" דעם אייבערשטן, און נישט סתם בעטן, נאר בעטן און בעטן און בעטן און נישט אויף הערן צו בעטן, און אונזערע בקשות דארפן אפילו נישט שטימען בכלל, ווייל א יודיש קינד האט רעכט צו בעטן דעם אייבערשטן וואס ער וויל נאר, און.. יא, א יודיש קינד האט רעכט צו בעטן דעם אייבערשטן אפילו אזא סארט זאך וואס שטימט נישט מיט די מציאות בכלל.

און מיר געפונען דאך שוין טאקע ביי אונזער הייליגער רבי "משה רבינו" אז ער האט געבעטן דעם אייבערשטן "פינעף הונדערט און פופצן תפילות" אז ער וויל זוכה זיין אריין צו גיין אין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל" [כמנין וויפיל עס באטרעפט די ווארט: "וָאֶתְחַנַּן", און כמנין וויפיל עס באטרעפט די ווארט: "תְּפִלָּה"], און ער האט געבעטן דעם אייבערשטן נאך אמאל און נאך אמאל און נאך אמאל און נאך אמאל, אז וואס..?! אז רבונו של עולם, איך וויל זוכה זיין אריין צו גיין אין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל".

אבער איין מינוט משה טייערע, עס שטימט דאך נישט מיט די מציאות..?! ווייל דער אייבערשטער האט דאך שוין קלאר "גוזר" געווען אז: "לא תראה מה שיעשו למלכי שבעה אומות כשאביאם לארץ" – דער אייבערשטער האט דאך שוין קלאר "גוזר" געווען אז דו וועסט נישט קענען זוכה זיין אריין צו אין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל" [וויבאלד דו דו האסט געפרעגט פון דעם אייבערשטן: "לָמָה הֲרֵעֹתָה" וגו']..?! און ממילא פארוואס בעטסטו אפילו אז דו ווילס'ט אריין גיין אין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל"..?! דו זעהס'ט נישט אז עס איז דאך שוין דערנאך..?! דו זעהס'ט נישט אז עס איז דאך שוין פאר פאלן..?!

אבער.. ניין עס איז דאך נישט אמת, ווייל קודם כל דארף מען דאך וויסן, אז ווען משה רבינו האט גע'ענדיגט בעטן די "פינעף הונדערט און פופצן תפילות" פון דעם אייבערשטן אז ער וויל זוכה זיין אריין צו גיין אין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", האט איהם דעמאלט'ס דער אייבערשטער געזאגט, אז ער זאל מער נישט בעטן, זאגט אבער דער הייליגער מגלה עמוקות, אז אויב משה רבינו וואלט געבעטן דעם אייבערשטן נאך "איין" תפילה פארן אייבערשטן אז ער וויל אריין גיין אין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", דעמאלט'ס וואלט זיך איהם גע'עפענט אויבן אין הימל אלע טויער'ן, און דער אייבערשטער וואלט איהם דעמאלט'ס נאך געגעבן זיין פארלאנג.. טראץ דעם וואס עס איז געווען א "גזירה מן השמים" פארקערט, און משה רבינו וואלט טאקע דעמאלט'ס געקענט זוכה זיין אריין צו גיין אין: "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל", ווייל עס איז נישט דא אזא זאך אז מען רעכנט זיך נישט מיט א יודישע קרעכטץ, עס איז פשוט נישט פארהאן אזא סארט מציאות אויף דער וועלט.

און אפילו אויב משה רבינו וואלט "טאקע" נישט געקענט געהאלפן ווערן אפילו נאכן בעטן פינעף הונדערט און "זעכצן" תפילות, וואלט דאס אבער נאך אלץ נישט געווען קיין סיבה נישט מתפלל צו זיין אויף דעם, ווייל ווען עס טוט עפעס ווי פאר א יודיש קינד, דעמאלט'ס דארף ער דאס תיכף ומיד ארויס

שרייען צום אייבערשטן, נישט קיין חילוק צו עס שטימט יא, אדער נישט, ווייל איין תפילה פון א יודיש קינד קען דאך אין אמת'ן א דורך ברעכן די העכסט'ע טויער'ן אין הימל וואס עס איז נאר פאראנען.

און ממילא קומט דאך אויס פון דעם, אז מיר מעגן יא בעטן דעם אייבערשטן אז: "שֶׁלֹּא יְפַתֵּנוּ וְלֹא יִתְגָּרֶה בָּנוּ יֵצֶר הָרָע וְיַנִּיחֵנוּ לַעֲבֹד אֶת יהו-ה כַּאֲשֶׁר עִם לְבָבֵנוּ", און אז: "וְעַתָּה תְּעוֹרֵר נָא רַחֲמֶיךָ וַחֲסָדֶיךָ הַגְּדוֹלִים וְהַמְרֻבִּים עָלֵינוּ" – און אז דער אייבערשטער זאל שוין רחמנות האבן אויף אונז, און אז: "לְגָרֵשׁ וּלְבַעֵר אֶת יִצְרֵנוּ הָרָע מִקִּרְבֵּנוּ" – און אז דער אייבערשטער זאל שוין פאר טרייבן פון אונז דעם יצר הרע, און איהם אינגאנצן מבער זיין פון צווישן אונז, און: "וְתִגְעַר בּוֹ שֶׁיָּסוּר וְיֵלֵךְ מֵאִתָּנוּ" – און אז דער אייבערשטער זאל שוין אָן שרייען דעם יצר הרע אז ער זאל שוין אוועק גיין פון אונז, און: "וְאַל יָסִית אוֹתָנוּ לְהַדִּיחֵנוּ מֵעֲבוֹדָתֶךָ חָלִילָה" – און דער יצר הרע זאל אונז שוין אויף הערן איין צו רעדן שלעכטע עצות כדי אונז אוועק צו שטופן פון דעם אייבערשטן חלילה, און: "וְאַל יִשְׁלֹט בָּנוּ יֵצֶר הָרָע" – און דער יצר הרע זאל שוין מער נישט האבן קיין שליטה אויף אונז, און אזוי ווייטער, ווייל.. יא, א יודיש קינד האט רעכט צו בעטן פון דעם אייבערשטן וואס ער וויל נאר, און עס דארף בכלל נישט שטימען מיט קיין שום זאך.

ווייל אונזערע הייליגע חכמים האבן אונז דאך אונז שוין געלערנט, אז: "איזהו עבודה שבלב זו תפילה" – אז "תפילה" איז א עבודה וואס מען טוט מיטן "הארץ", און ממילא "תפילה" קען נישט גיין צוזאמען מיט "חשבונות", ווייל "תפילה" סימבאלאזירט דאך די "הארץ", און די "הארץ" איז דאך נישט קיין זאך וואס ארבעט מיט "חשבונות", נאר פונקט פארקערט, די "הארץ" איז א זאך וואס ארבעט אָן קיין "חשבונות", און ווען עס טוט עפעס גאר שטארק ווי פאר דעם מענטש, בלוטיג'ט איהם דעמאלט'ס דאס "הארץ", און עס טוט איהם דעמאלט'ס גאר שטארק ווי דאס "הארץ", אָן קיין שום "חשבונות".

און די זעלבע זאך איז דאך אויך ווען עס קומט צו די ענין פון "תפילה", ווייל ווען א יודיש קינד וויל אמאל עפעס בעטן פון דעם אייבערשטן, דעמאלט'ס טאר ער נישט טראכטן פאר קיין איין מינוט צו עס שטימט יא אדער עס שטימט נישט, נאר ער דארף דעמאלט'ס גלייך געבן א געשריי צו דעם גרויסן: "בּוֹרֵא עוֹלָם", און ער דארף דעמאלט'ס לאזן אז זיין "תפילה" זאל ארויס קומען מיט א ריינ'קייט.

און ממילא יעצט פארשטייען מיר דאך שוין זייער גוט פארוואס דער אייבערשטער האט נישט געזאגט פאר משה רבינו אז: "לֵךְ" אֶל פַּרְעֹה, ווייל דיווארט: "לֵךְ" איז דאך גימטריא: נ', און ממילא דער אייבערשטער האט נישט געוואלט ווייזן דא פאר משה רבינו, אז: "לֵךְ" אֶל פַּרְעֹה – אז שיק דיר דא אריין אין די נ' שערי טומאה, און פארטיג, ניין ניין ניין, נאר דער אייבערשטער האט דא געוואלט ווייזן פאר משה רבינו, אז.. משה משה, דו גייסט נישט אליין צו פרעה, נאר: "אָנֹכִי אֶהְיֶה עִמָּךְ" – נאר איך גיי מיט צוזאמען מיט דיר, און: "בֹּא" אֶל פַּרְעֹה – און קום משה, לאמיר גיין ביידע צוזאמען: "מִלְחָמָה" האלטן מיט דעם גרעסט'ן "מקור הטומאה" – מיט דעם "פרעה הרשע", אבער משה טייערע, דו דארפס'ט אבער אויך צו לייגן א האנט צום דעם גרויסן: "מִלְחָמָה", און: "אַתָּה תְדַבֵּר אֵת כָּל אֲשֶׁר אֲצַוֶּךָּ" – און דו וועסט דארפן "רעדן" אלעס וואס איך וועל דיר הייסן, און איך וועל שוין אויס פירן מיין חלק און דיר צו העלפן מיט די איבריגע ארבעט, אבער דו מוזט אויך צו לייגן א האנט אין דעם גרויסן: "מִלְחָמָה" אנטקעגן די סטרא אחרא, ווייל נאר אזוי וועסטו איהם קענען מנצח זיין.

און די זעלבע זאך איז דאך אויך מיט א יודיש קינד, ווייל דער אייבערשטער זאגט דאך שטענדיג פאר א יודיש קינד אזוי, אז.. בסדר, איך קום טאקע מיט צוזאמען מיט דיר, און איך וועל דיר טאקע העלפן: "מִלְחָמָה" האלטן אנטקעגן דיין יצר הרע, אבער.. דו קענסט נישט זיצן מיט פאר לייגט'ע הענט און גארנישט טוהן, נאר דו דארפס'ט אויך מיט "קעמפן" אנטקעגן דעם יצר הרע.

איי וועסטו אבער פרעגן, אז ווי אזוי..?! ווי אזוי זאל איך קעמפן אנטקעגן מיין יצר הרע..?! ענטפערט דיר אויף דעם דער הייליגער באשעפער, אז דו זאלסט טוהן די זעלבע ארבעט וואס "משה רבינו" האט

געטוהן בשעת ווען ער איז געגאנגען צו פרעה, און דאס איז דאך, די ארבעט פון: "אַתָּה תְדַבֵּר אֵת כָּל אֲשֶׁר אֲצַוֶּךָּ", און דאס גייט דאך ארויף אויף: "לִמּוּד הַתּוֹרָה", און דאס מיינט צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז דער אייבערשטער זאגט דא פאר א יודיש קינד, אז: "אַתָּה תְדַבֵּר" – אז דו זאלסט נאר רעדן און לערנען: "דִּבְרֵי תּוֹרָה", און דו זאלסט נאר עוסק זיין אין: "אֵת כָּל אֲשֶׁר אֲצַוֶּךָּ" – און דו זאלסט נאר עוסק זיין אין דער הייליגער תורה הק', ווייל נאר אזוי וועסטו קענען מנצח זיין דיין שווער'ן יצר הרע.

ווייל חז"ל זאגן דאך אונז שוין בפירוש, אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר די יודישע קינדער, אז עס איז אמת טאקע אז: "בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע" – עס איז אמת טאקע אז איך האב טאקע באשאפן א טמא'נע "יצר הרע", אבער פון די אנדערע זייט זאלט איר אבער אויך וויסן, אז: "וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין" – אז איך האב אויך באשאפן א הייליגער "תורה" הק' אנטקעגן דעם יצר הרע, און מיט דעם: "אַתָּה תְדַבֵּר אֵת כָּל אֲשֶׁר אֲצַוֶּךָּ" – און מיט דעם: "כֹּחַ הַתּוֹרָה" וועט איר אלע קענען זוכה זיין צו באזיגן דעם טמא'נעם יצר הרע "בסייעתא דשמיא" – דורך דעם וואס דער אייבערשטער וועט טוהן זיין חלק און דיר שטיין צו די רעכטע האנט.

און אזוי וועסטו זיך קענען אויס רייניגן פון דעם טמא'נעם יצר הרע וואס זוכט דיר צו פאר כאפן אין זיין נעץ אריין, ווייל ווי אזוי רייניגט מען זיך אויס פון דעם טמא'נעם יצר הרע..?! די תירוץ אויף דעם איז, דורך דער הייליגער תורה הק', און דער הייליגער תורה הק' הייבט זיך טאקע אָן מיט די ווערטער: "בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים" וגו', ווייל דער הייליגער באשעפער וויל דיר דא זאגן אזוי, אז טייערע יוד'ל, וויסן זאלסטו אז די ערשטע זאך אויף דער וועלט איז: "בְּרֵאשִׁית" – די ערשטע זאך אויף דער וועלט איז דער הייליגער "תורה" הק' וואס ווערט אָן גערופן: "רֵאשִׁית דַּרְכּוֹ".

איי.. וועסטו אבער פרעגן, אז פארוואס טאקע איז דער הייליגער "תורה" הק' די ערשטע זאך..?! פארוואס עפעס פונקט דער הייליגער "תורה" הק'..?! ענטפערט דיר אויף דער הייליגער באשעפער, ווייל: "בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע" – ווייל איך האב דאך אריין געלייגט אין דיר א פייער'דיגע יצר הרע וואס וועט דיר כסדר שלעפן צו שלעכט'ס, און די איינציג'סטע וועג ווי אזוי דו וועסט קענען מנצח זיין דיין פייער'דיגע יצר הרע איז אויס דרוק'לעך נאר דורך דעם וואס דו וועסט זיך מדבק זיין אין מיין הייליגער תורה הק', און: "וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין".

און ממילא וועגן דעם זאג איך דיר יעצט קלאר און אפן, אז: "בְּרֵאשִׁית" – אז די ערשטע זאך אויף דער וועלט איז דער הייליגער "תורה" הק' וואס ווערט אָן גערופן: "רֵאשִׁית דַּרְכּוֹ", ווייל אָן די כח פון דער הייליגער תורה הק' איז דאך אום מעגליך מנצח צו זיין דעם יצר הרע, און אויב איז מען נישט מנצח דעם יצר הרע, דעמאלט'ס קען מען דאך נאך ח"ו אריין פאלן אין דעם שאול תחתית ומתחתיו, און ממילא געדענק ר' יוד, אז: "בְּרֵאשִׁית" – געדענק אז דער הייליגער תורה הק' איז די ערשטע זאך אויף דער וועלט, ווייל דער הייליגער תורה הק' איז דאך צו געגליכ'ן צו "וואסער" וואס קען דאך גאר גרינג פאר לעשן דיין פייער'דיגע יצר הרע.

און דורך: "בְּרֵאשִׁית" איז: "בָּרָא", און די ווארט: "בָּרָא" – איז דאך טאקע אויך ראשי תיבות: "בֵּהּ אֲנָא רָחִיץ", ווייל א יודיש קינד דארף דאך צו וויסן, אז ווען א יודיש קינד וויל זיך רייניגן פון זיינע יצר הרע'ס, דעמאלט'ס איז דאס נאר דורך: "בְּרֵאשִׁית" – דעמאלט'ס איז דאס נאר דורך דער הייליגער "תורה" הק' וואס ווערט אָן גערופן: "רֵאשִׁית דַּרְכּוֹ", און אויב: "בְּרֵאשִׁית" – אויב דו וועסט זיך מדבק זיין אין דעם הייליגן: "רֵאשִׁית דַּרְכּוֹ" – אויב דו וועסט זיך מדבק זיין אין דער הייליגער "תורה" הק', וועסטו דעמאלט'ס זוכה זיין צו די ווארט: "בָּרָא" מיט אלע דריי פשטים:

1) ווייל די ווארט: "בָּרָא" – מיינט דאך אויך: "בְּרָא" – קינדער (אויף ארמית), און דאס איז דאך: "בָּנֵי" – ערליכע קינדער, און געזונט'ע קינדער, און ליכטיגע קינדער.

2) און די ווארט: "בָּרָא" – מיינט דאך אויך: "בָּרָא" – געזונט [בריאות], און דאס איז דאך: "חַיֵּי" – א געזונט לעבן: "מתוך בריאות הגוף והנפש".

3) און די ווארט: "בָּרָא" – איז דאך אויך א לשון פון: "בָּר" – תבואה [עסן – פרנסה], און אין פרשת מקץ דערמאנט דאך אונז שוין טאקע דער הייליגער תורה הק' אזא לשון, ווייל די פסוק זאגט דאך אונז שוין בפירוש אין פרשת מקץ (קפיטל מ"א פסוק מ"ט), אז: וַיִּצְבֹּר יוֹסֵף "בָּר" כְּחוֹל הַיָּם הַרְבֵּה מְאֹד עַד כִּי חָדַל לִסְפֹּר כִּי אֵין מִסְפָּר, און אביסל שפעטער אין פרשת מקץ דערמאנט דאך אונז שוין טאקע דער הייליגער תורה הק' נאך אמאל אזא לשון, ווייל דער הייליגער תורה הק' זאגט דאך אונז שוין בפירוש אין פרשת מקץ (קפיטל מ"ב פסוק ג'), אז: "וַיֵּרְדוּ אֲחֵי יוֹסֵף עֲשָׂרָה" – אז די צעהן ברודער'ס פון יוסף הצדיק האבן אראפ גענידער'ט קיין מצרים כדי: לִשְׁבֹּר "בָּר" מִמִּצְרָיִם – כדי צו קויפן "עסן" פון מצרים.

און אביסל שפעטער אין פרשת מקץ דערמאנט דאך אונז שוין טאקע דער הייליגער תורה הק' נאך אמאל אזא לשון, ווייל דער הייליגער תורה הק' זאגט דאך אונז שוין בפירוש אין פרשת מקץ (קפיטל מ"ב פסוק כ"ה), אז: וַיְצַו יוֹסֵף וַיְמַלְאוּ אֶת כְּלֵיהֶם "בָּר" – אז יוסף הצדיק האט געהייסן אז מען זאל אָן פילן די זעק'לעך פון די: "שִׁבְטֵי יָ-הּ" מיט "עסן", און אין פרשת ויגש דערמאנט דאך אונז שוין טאקע דער הייליגער תורה הק' אויך אזא סארט לשון, ווייל דער הייליגער תורה הק' זאגט דאך אונז שוין בפירוש אין פרשת ויגש (קפיטל מ"ה פסוק כ"ג), אז: וּלְאָבִיו שָׁלַח כְּזֹאת עֲשָׂרָה חֲמֹרִים נֹשְׂאִים מִטּוּב מִצְרָיִם וְעֶשֶׂר אֲתֹנֹת נֹשְׂאֹת "בָּר" וָלֶחֶם וּמָזוֹן לְאָבִיו לַדָּרֶךְ, אבער על כל פנים.. זעהט מען דאך שוין פון דעם קלאר אז די ווארט: "בָּרָא" – איז דאך אויך א לשון פון: "בָּר" – תבואה (עסן), און דאס איז דאך: "מְזוֹנֵי".

יעצט ווען מען נעמט צוזאמען די אלע דריי פשטים, קומט דאך ארויס פון דעם די דריי באקאנט'ע "ברכות" וואס עס איז דאך שוין גאנץ גוט באקאנט ביי אלע יודישע קינדער:

1) די ערשטע פשט פון די ווארט: "בָּרָא" – איז דאך: "בְּרִיאוּת" – "גֶעזוּנְט", און דאס איז דאך: "חַיֵּי".

2) די צווייטע פשט פון די ווארט: "בָּרָא" – איז דאך: "בָּר" – "פַּרְנָסָה", און דאס איז דאך: "מְזוֹנֵי".

3) די דריטע פשט פון די ווארט: "בָּרָא" – איז דאך: "בְּרָא" – "נַחַת" [פון די קינדער], און דאס איז דאך: "בָּנֵי".

ווייל.. יא, דאס איז דאך טאקע די הבטחה פון דער הייליגער תורה הק' דא, אז וואס..?! אז אויב: "בְּרֵאשִׁית" – אז אויב דו וועסט זיך מדבק זיין אין דעם הייליגן: "רֵאשִׁית דַּרְכּוֹ" – אויב דו וועסט זיך מדבק זיין אין דער הייליגער "תורה" הק', דעמאלט'ס וועסטו קענען זוכה זיין צו אלע דריי פשטים פון דעם ווארט: "בָּרָא", און דאס איז דאך אין יודיש גערעדט: "גֶעזוּנְט פַּרְנָסָה און נַחַת", און אין לשון הקודש מיינט דאך דאס: "בָּנֵי חַיֵּי וּמְזוֹנֵי רְוִיחֵי".

נו.. ווער וויל דען נישט זוכה זיין צו אזעלכע שיינע ברכות ווי: "גֶעזוּנְט פַּרְנָסָה און נַחַת" און: "בָּנֵי חַיֵּי וּמְזוֹנֵי רְוִיחֵי"..?! עס איז דאך אזעלכע שיינע ברכות..?! און עס איז דאך שוין טאקע אויך באקאנט פאר א יעדעם איינעם, אז די ווארט: "גֶפֶן" – איז דאך ראשי תיבות: "גֶעזוּנְט פַּרְנָסָה נַחַת", און: "ענבי הגפן בענבי הגפן" איז דאך אזא: "דבר נאה ומתקבל" – עס איז דאך אזא שיינע זאך דאס צו האבן..?! און ממילא ווער וויל דען נישט זוכה זיין צו אזעלכע שיינע הערליכע ברכות ווי: "גֶעזוּנְט פַּרְנָסָה און נַחַת"..?!

און דאס איז בנוגע דעם ענין פון דער הייליגער "תורה" הק', אבער דער אייבערשטער זאגט דא ווייטער פאר א יודיש קינד, אז דו ווייסט פארוואס: "בֹּא" אֶל פַּרְעֹה – דו ווייסט פארוואס דו מוזט קומען מיט א פאר אייניגט'ע כח [צוזאמען מיטן הייליגן באשעפער] אנטקעגן דיין יצר הרע..?! ווייל: כִּי "אֲנִי" הִכְבַּדְתִּי אֶת לִבּוֹ – ווייל איך האב דאך אריין געלייגט אין דיר דיין יצר הרע וואס מאכט דיר שווער דיין הארץ, און ממילא ווען דו זוכס'ט עצות אנטקעגן דעם יצר הרע.. דעמאלט'ס לויף נישט צו קיינעם, און לויף נישט צו

קיין "עסקנים" וואס זאלן דיר העלפן, נאר לויף צו "מיר", ווייל איך בין דאך די איינציג'סטע וואס קען דיר העלפן: "מִלְחָמָה" האלטן אנקעגן דיין יצר הרע, ווייל: כִּי "אֲנִי" הִכְבַּדְתִּי אֶת לִבּוֹ – ווייל דאס אלעס בין איך, און ממילא ווענד זיך נישט צו קיינעם, נאר ווענד זיך צו מיר, און בעט מיר אז איך זאל דיר ראטעווען פון די הענט פון דיין יצר הרע וואס וויל דיר אפ רייסן פון דעם אייבערשטן.

און די סופי תיבות פון די ווערטער: "**כִּי** אֲנִ**י** הִכְבַּדְתִּ**י** אֶ**ת** לִבּ**וֹ**" – איז דאך טאקע אויך גימטריא: "רַק קוֹל" – נאר דיין זיסע: "קוֹל", ווייל יא ר' יוד, דער אייבערשטער וויל דאך נאר הערן איין זאך פון דיר, און דאס איז דאך, דיין: "קוֹל יהו-ה בַּכֹּחַ" – ער וויל נאר הערן ווי דו בעטס'ט איהם אז ער זאל דיר העלפן קעמפן אנקעגן דעם יצר הרע, און דער אייבערשטער וויל דאך נאר הערן ווי דו בעטס'ט איהם אז ער זאל דיר העלפן קעמפן מיט א שטערקער'ע "כח" אנטקעגן דעם יצר הרע.

ווייל: "הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִתְאַוֶּה לִתְפִלָּתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל" – ווייל דער אייבערשטער גלוסט דאך גאר גאר שטארק צו הערן די תפילות פון די יודישע קינדער, און דער אייבערשטער גלוסט דאך גאר גאר שטארק צו הערן ווי אזוי א יודיש קינד בעט זיך צו איהם אז ער זאל איהם העלפן, און ער ווארט דאך אזוי שטארק צו הערן דיין קול, ווייל דאס איז וואס דער אייבערשטער וויל הערן פון דיר, דיין זיסע קול ווי דו בעטס'ט איהם, און.. יא, דער אייבערשטער וויל: "אַךְ וְרַק" אויס דרוק'לעך נאר הערן דיין זיסע קול ווי דו בעטס'ט איהם אז ער זאל דיר שטיין צו די האנט, און אויב געבסטו א געשריי צום רבונו של עולם אז ער זאל דיר העלפן, דעמאלט'ס איז דאך זיכער אז ער וועט דיר העלפן.

און דער הייליגער נעים זמירות ישראל דוד המלך עליו השלום זאגט דאך אונז שוין טאקע אויך בפירוש אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז: "סוּרוּ מִמֶּנִּי כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן" – אז דער אייבערשטער וועט אוועק נעמען פון מיר די אלע וואס ווילן מיר מאכן זינדיגן (מיינע יצר הרע'ס), איי פארוואס..?! די תירוץ אויף דעם איז, ווייל: כִּי שָׁמַע יהו-ה "קוֹל" בִּכְיִי – ווייל דער אייבערשטער האט אויס געהערט די "קול" פון מיין געוויין.

און דער הייליגער נעים זמירות ישראל דוד המלך עליו השלום זאגט דאך אונז שוין טאקע אויך ווייטער אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז: בָּרוּךְ יה-ה כִּי שָׁמַע "קוֹל" תַּחֲנוּנָי – אז געלויבט איז דער באשעפער וואס האט אויס געהערט די "קול" פון מיין געבעט, ווייל דאס וויל דאך טאקע דער אייבערשטער, דער אייבערשטער וויל הערן דיין זיסע "קול" ווי דו בעטס'ט איהם אז ער זאל דיר העלפן.

און דער הייליגער נעים זמירות ישראל דוד המלך עליו השלום זאגט דאך אונז שוין טאקע אויך ווייטער אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז: "אָכֵן שָׁמַע אֱלֹקִים" – אז עס איז אמת טאקע אז דער אייבערשטער האט מיר אויס געהערט, אבער: "הִקְשִׁיב" – אבער ער האט "שטארק" צו געהערט: "בְּקוֹל" תְּפִלָּתִי – די "קול" פון מיין געבעט, ווייל דאס איז דאך טאקע די זאך וואס דער אייבערשטער וויל הערן פון דיר, דיין זיסע "שטימע" ווי דו בעטס'ט איהם אז ער זאל דיר העלפן.

און דער הייליגער נעים זמירות ישראל דוד המלך עליו השלום זאגט דאך אונז שוין טאקע אויך ווייטער אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז: "הַאֲזִינָה יהו-ה תְּפִלָּתִי" – אז דער אייבערשטער הערט טאקע אויס מיינע תפילות וואס איך בעט איהם, ווייל קיין איין תפילה גייט דאך נישט לאיבוד, אבער: "וְהַקְשִׁיבָה" – אבער דער אייבערשטער הערט גאר שטארק צו: "בְּקוֹל" תַּחֲנוּנוֹתָי – צו די "קול" פון מיין געבעט.

ווייל דאס איז דאך טאקע די "עיקר" וואס דער אייבערשטער וויל פון דיר, דער אייבערשטער דארף דאך נישט אז דו זאלסט זיך שאקלען ווי א לולב ביים דאווענען און נישט אינזין האבן קיין איין ווארט וואס דו רעדס'ט, נאר דער אייבערשטער דארף אביסעל'ע "כוונה" – דער אייבערשטער דארף אביסעל'ע "כוונת הלב" מיט א "קול" בשעת ווען מען בעט איהם א בקשה, און נישט אז מען זאל דאווענען: "כְּמִצְוַת אֲנָשִׁים מְלוּמָּדָה", נאר אז מען זאל דאווענען מיט דעם: "דַּע לִפְנֵי מִי אַתָּה עֹמֵד" – נאר אז מען זאל דאווענען מיט דעם ריכטיג'ן דעת, און וויסן פאר וועמען מען שטייט דא, און ווי אזוי מען דאווענט, און אז ביים דאווענען

איז גארנישט פארהאנען אויף דער וועלט חוץ מיר מיטן רבונו של עולם, און אלעס ארום מיר איז פשוט געשטארבן.

און ווען א יודיש קינד דאווענט מיט א "קול", דעמאלט'ס איז דאך דאס פשוט גורם אז ער זאל קענען אינזין האבן וואס ער זאגט בשעת'ן דאווענען, ווייל חז"ל זאגן דאך אונז שוין בפירוש, אז: "קול מעורר הכוונה" – אז ווען א יודיש קינד דאווענט מיט א "קול", דעמאלט'ס איז ער מעורר מיט דעם זיין כוונה אין "הארץ", און ער איז מעורר מיט דעם זיין פינטעל'ע יוד צום הייליגן באשעפער, און עס ווערט איהם דעמאלט'ס אויך אסאך אסאך גרינגער אינזין צו האבן זיינע ווערטער וואס ער זאגט, און דאס מאכט דאך אויך אז דער אייבערשטער זאל אסאך מער אויס הערן זיין תפילה (ווי ווען ער ליגט אין אנדערע וועלט).

און דער הייליגער נעים זמירות ישראל דוד המלך עליו השלום זאגט דאך אונז שוין טאקע אויך בפירוש אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז: "יהו-ה שְׁמְעָה בְקוֹלִי" – אז הייליגער באשעפער הער אויס מיין "קול", און הער אויס וואס איך זאג דיר, אבער ווען א יודיש קינד בעט דיר עפעס מיט א "קול", דעמאלט'ס איז נישט גענוג סתם "הערן", נאר: תִּהְיֶינָה אָזְנֶיךָ "קַשֻּׁבוֹת לְקוֹל" תַּחֲנוּנָי – נאר דיינע אויער'ן זאלן (כביכול) זיין צו געלייגט מיט א שטארקייט צו די "קול" פון מיין געבעט, ווייל איך בעט דאך יעצט מיין תפילה מיט א "קול".

און מיר זאגן דאך שוין טאקע אלע אויך בפירוש ראש השנה ביים דאווענען גלייך נאך די תקיעות דעם לשון, אז: "קוֹלִי שָׁמָעְתָּ" – אז אויב האסטו געהערט מיין "קול", דעמאלט'ס בין איך דאך שוין פאר זיכער'ט אז: "אַל תַּעְלֵם אָזְנְךָ לְרַוְחָתִי לְשַׁוְעָתִי" – דעמאלט'ס בין איך דאך שוין פאר זיכער'ט אז דו וועסט זיך נישט פארהוילן פון מיין געשריי, ווייל ווען א יודיש קינד געבט א געשריי צום אייבערשטן מיט א "קול זעקה" – מיט א קול פון א געשריי, שפאלט ער דאך דעמאלט'ס א דורך אלע הימלען, פשוט כפשוטו, און ער ברענגט דאך דעמאלט'ס מיט דעם א ישועה פאר זיך און פאר גאנץ כלל ישראל.

און דער הייליגער נעים זמירות ישראל דוד המלך עליו השלום זאגט דאך אונז שוין טאקע אויך בפירוש אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז: "קוֹלִי אֶל אֱלֹקִים" – אז דו ווייסט פארוואס מיין "קול" גייט גלייך ארויף צום הייליגן באשעפער..?! ווייל: "וְאֶצְעָקָה" – ווייל עס גייט דאך צוזאמען מיט א "געשריי", און אויב א יודיש קינד בעט זיין תפילה אויף א אופן פון: "קוֹלִי" אֶל אֱלֹקִים – און אויב א יודיש קינד בעט זיין תפילה מיט א "קול" און מיט א "געשריי", דעמאלט'ס: "וְהַאֲזִין אֵלָי" – הערט דאך דעמאלט'ס דער אייבערשטער גלייך אויס זיין תפילה, ווייל א תפילה וואס ווערט געבעטן מיט א "קול" איז דאך גאר גאר שטארק נושא חן ביים אייבערשטן.

און די מפרשים זאגן דאך אונז שוין טאקע ביי אברהם אבינו, אז די סיבה פארוואס שרה אמינו האט געלאכט פון די ברכה פון די: "מַלְאָךְ" איז געווען, ווייל זי האט געוואוסט ביי זיך זייער קלאר, אז ווען א: "מַלְאָךְ" וואונטש'ט איר אָן א ברכה, דעמאלט'ס איז דאס גארנישט ווערד, אבער ווען זי וועט בעטן א ווארימ'ע תפילה פון דעם רבונו של עולם, דעמאלט'ס וועט זי זיכער פועל'ן א ישועה, ווייל א: "מַלְאָךְ" איז טאקע זייער זייער הויעך, און א: "מַלְאָךְ" פליעט טאקע אין די הויעכ'ע הימלען, און ער איז טאקע נאנט צום אייבערשטן, אבער די "מלאכים" האבן דאך נישט דארטן אויבן קיין שום נסיונות, ווייל ווי זיי קוקען נאר דארטן, זעהען זיי גלייך דעם אייבערשטן.

און בכלל.. א: "מַלְאָךְ" איז דאך א געטליכע זאך, און די ווארט: "מַלְאָךְ" – איז דאך טאקע גימטריא: "יהו-ה אדנ-י", ווייל א: "מַלְאָךְ" איז דאך בלויז איין שטיק "אלקות" – א: "מַלְאָךְ" איז דאך נישט מער ווי א שטיק פייער וואס ברענט ווי א ליכט'ל פארן אייבערשטנ'ס וועגן, און וואו מען שיקט איהם נאר, לויפט ער גלייך אהין, אבער א פשוט'ע יוד.. וואס זעהט נישט אלעמאל דעם אייבערשטן, נאר ער האט: "הסתרות שבתוך ההסתרות", אזא איינער קען א דורך שפאלטן אלע שערי שמים מיט זיין: "קול קול

יַעֲקֹב" – אזא איינער קען א דורך שפאלטן אלע שערי שמים מיט זיין ווארימ'ע זיסע שטימע פון זיין תפילה.

ווייל ווען: "קוֹל קוֹל יַעֲקֹב" – ווייל ווען א יודיש קינד באנוצט זיך מיט זיין "קול", און ער בעט דעם אייבערשטן זיינע בקשות אויפן "קול", דעמאלט'ס: "אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב" – דעמאלט'ס האט שוין נישט דער יוד מער וואס מורא צו האבן, ווייל ער איז דאך שוין א געהאלפענער, ווייל חז"ל האבן דאך אונז שוין קלאר מודיע געווען, אז: "אֵין כּוֹחֵינוּ אֶלָּא בְּפֶּה" – אז אונזער כח איז נאר מיט אונזער "מויל", און ממילא ווען א יודיש קינד נוצט זיין מויל ווי עס דארף צו זיין, און ער בעט זיינע תפילות מיט א: "קוֹל קוֹל יַעֲקֹב", דעמאלט'ס קען ער זיין זיכער, אז ער וועט זעהן גאר גרויסע ישועות שלימות מן השמים.

און אפילו אזא סארט יוד וואס שפירט זיך נעבעך גאר גאר נידריג, טאר זיך אבער אויך נישט צוריק האלטן פון צו שרייען צום אייבערשטן, ווייל דוד המלך זאגט דאך אונז שוין בפירוש אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז: "קוֹל יהו-ה יָחִיל" – אז דער אייבערשטער קוקט דאך אזוי שטארק ארויס צו הערן דעם: "קוֹל יהו-ה" פון: "מִדְבָּר" – פון אזא דור ווי אונז געפונען זיך היינטיגע צייטן – פון אזא פאר טריקענט'ע מדבר'דיגע דור ווי אונז, און: "יָחִיל יהו-ה מִדְבַּר קָדֵשׁ" – און דער אייבערשטערווארט אזוי שטארק צו הערן עפעס א הייליג ווארט פאר איהם אין דעם וויסט'ן "דור המדבר" – אין אונזער היינטיג'ן דור המדבר, און דאס איז ביי איהם: "קָדֵשׁ" – און דאס איז ביי איהם "הייליג".

און עס איז טאקע אויך כדי צו דערמאנען ביי דעם געלעגענהייט, אז דער הייליגער טשעבינ'ער רב זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל האט אמאל געזאגט, אז א יעדע יודיש קינד האט אמאל געוויסע טעג וואס ער שפירט ביי זיך אז דאס איז עפעס "מדבר'דיגע טעג" – וויסט'ע טעג, אבער דער אייבערשטער זאגט יעצט פאר א מענטש, אז דוקא אין דיינע "מדבר'דיגע טעג" – דוקא אין דיינע וויסט'ע טעג.. וויל איך הערן דיין: "קוֹל יהו-ה" – דיין קול צום אייבערשטן – דיין ווארימ'ע תפילה ווי דו רעדס'ט צו מיר מיין טייער קינד, ווייל פון די הייליגע ישיבות און פון די הייליגע בתי מדרשים קומט דאך שוין ארויף גענוג און נאך תפילות, אבער פון א טריקענ'ע מדבר.. קומט דאך נישט ארויף גענוג תפילות צו מיר.

און ממילא וועגן דעם זאגן טאקע די ספרים הק', אז דאס איז טאקע די סיבה פארוואס דער אייבערשטער ווארט אזוי שטארק אויף א צו קלאפט'ע תפילה פון עפעס א צובראכענ'ע יוד'ל, ווייל אזא סארט צו קלאפט'ע תפילה פון עפעס א צובראכענ'ע יוד'ל קומט דאך נישט ארויף א יעדן טאג אויבן אין הימל, און ממילא וועגן דעם איז דאס איז א פשוט'ע "מציאה" אויבן אין הימל, און דער אייבערשטער נעמט (כביכול) ארום דעם תפילה, און ער קושט דאס צוזאם, ווייל אזא סארט צו קלאפט'ע תפילה זעהט מען דאך נישט א יעדן טאג דארטן.

און ממילא וועגן דעם טאר זיך א מענטש ח"ו קיינמאל נישט אראפ קלאפן, און טראכטן ביי זיך, אז נע.. איך בין דאך שוין סיי ווי סיי גארנישט ווערד, ווייל א יעדע יודיש קינד דארף צו וויסן, אז איך בין אזוי ווי א שטר פון "הונדערט דולר", וואס אפילו דו וועסט דאס גאר שטארק צו קנייטשן, און אפילו אויב דו וועסט דאס אראפווארפן אויף דער ערד עטליכע מאל און דאס גוט אָן טרעטן.. וועט דאס אבער נאך אלץ נישט פארלירן איר ווערד, ווייל א זאך וואס האט א אמת'ע ווערד, קען מען קיינמאל נישט צו נעמען איר ווערד..!

און דאס איז דאך גאר גאר א גרויסע כלל וואס מיר דארפן שטענדיג וויסן און געדענקען, אז א יעדער איינער פון אונז איז אזוי ווי א טייערע דיימאנט שטיין וואס מען טרעפט נישט קיינמאל, און דער טייערע דיימאנט שטיין הייסט שטיין: "יִשְׂרָאֵל", און מען קען קיינמאל נישט צו נעמען איר ווערד, ווייל דאס שטיין בלייבט אלעמאל דעם חשוב'ן טייער'ן דיימאנט שטיין: "עַד עוֹלָם", און עס איז נישט קיין שום נפקא מינה אין וועלכע מיסט קאסטן דו וועסט דאס נאר אריין ווארפן, ווייל דער טייערע דיימאנט שטיין וועט אלעמאל בלייבן דעם טייער'ן דיימאנט שטיין וואס האט נישט קיין שום שאץ צו איר גרויסן ווערד, און דו

קענסט דאס ארייןווארפן אין וואסער, און דו קענסט דאס אריין ווארפן אין שאול תחתית, און דו קענסט דאס שמוציג מאכן, אבער דאס וועט אלעמאל בלייבן דעם טייער'ן דיימאנט שטיין, און די איינציג'סטע זאך וואס מען קען יא טוהן צו איר איז, מען קען איר נאר פראבירן שענער צו מאכן: "לְתִפְאֶרֶת בֵּית יִשְׂרָאֵל", אבער די עצם ווערד פון א יודישע נשמה.. וועט קיינמאל נישט אראפ גיין פון יודיש קינד, ווייל א יודיש קינד בלייבט דאך שטענדיג א חלק פון דעם פסוק: "בָּנִים אַתֶּם לַיהו-ה אֱלֹקֵיכֶם".

און די עיקר וואס א יוד דארף שטענדיג געדענקען איז, צו "בעטן" דעם אייבערשטן וואס עס שטערט איהם נאר, ווייל אויב בעט מען, דעמאלט'ס באקומען מען, אבער משא"כ אויב בעט מען נישט, דעמאלט'ס באקומט מען נישט, און עס שטייט דאך שוין טאקע אין די ספרים הק', אז טאקע וועגן דעם בעטן מיר טאקע דעם אייבערשטן דריי מאל א טאג אז: "וְתֵן שָׂכָר טוֹב לְכָל הַבּוֹטְחִים בְּשִׁמְךָ בֶּאֱמֶת", ווייל פשטות איז דאך לכאורה זייער שווער צו פארשטיין די פשט פון די ווערטער דא, ווייל מיר דארפן דען בעטן דעם אייבערשטן אז: "וְתֵן שָׂכָר טוֹב לְכָל הַבּוֹטְחִים בְּשִׁמְךָ בֶּאֱמֶת" – מיר דארפן דען בעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל געבן שכר וואס די יודן וואס האבן: "בִּטָּחוֹן" אין איהם..?! פארוואס דארפן מיר בעטן אזא זאך..?! די "בעלי בטחון" באקומען דאך סיי ווי סיי א גוטע שכר אויף דעם וואס זיי האבן: "בִּטָּחוֹן", ניין..?! און ממילא פארוואס דארפן מיר בעטן אויף זיי אזא סארט בקשה..?!

האבן צדיקים גע'ענטפערט אויף דעם, אז די סיבה פארוואס מיר בעטן פאר די "בעלי בטחון" איז, ווייל די "בעלי בטחון" בעטן דאך נישט דעם אייבערשטן, ווייל זיי פאר לאזן זיך דאך אויף דעם אייבערשטן אז דער אייבערשטער וועט דאך זיי שוין זיכער העלפן, אבער אויב מען בעט נישט, ווייסן מיר דאך שוין אלע.. אז מען באקומט נישט, און ממילא וועגן דעם מוזן מיר אלע א יעדן טאג בעטן דעם אייבערשטן אויף די "גרויסע צדיקים" – אויף די גרויסע "בעלי בטחון" אז זיי זאלן באקומען גאר א גוטע שכר, ווייל זיי בעטן דאך נישט אויף דעם, און אויב בעט מען נישט, דעמאלט'ס באקומט מען נישט.

אבער אויב מיר וועלן האלטן און איין בעטן דעם אייבערשטן, אז: "בֹּא" – אז דער אייבערשטער זאל אונז קומען העלפן קעמפן: "אֶל פַּרְעֹה" – אנטקעגן אונזערע אלע יצר הרע'ס, און מיר וועלן לעבן מיט דעם אייבערשטן דורך דעם: "קוֹל קוֹל יַעֲקֹב" – און מיר וועלן לעבן מיט דעם אייבערשטן דורך אונזערע ווארימ'ע תפילות בקולו של יעקב, דעמאלט'ס וועלן מיר אלע קענען זוכה זיין צו גאר גאר א גרויסע: "קִרְבַת אֱלֹקִים", און מיר וועלן פשוט זוכה זיין צו דער וועלט און צו יענע וועלט צוזאמען, ווייל ווען א יודיש קינד לעבט מיטן אייבערשטן, דעמאלט'ס האט ער נישט נאר "יענע וועלט", נאר ער האט אויך "דער וועלט", ווייל עס איז דאך נישט דא קיין גרעסער'ע תענוג ווי דאס אז א יודיש קינד קען זיך אויס גיסן דאס הארץ צום אייבערשטן און פועל'ן ישועות מן השמים בגשמיות וברוחניות.

און מיר וועלן נאר דערמאנען דא א קליינע רמז צו דעם, ווייל ווען מען נעמט דעם אות יו"ד [וואס געפונט זיך דאך אין א יעדע יודיש קינד] און מען לייגט דאס לעבן דעם שם "יהו-ה", דעמאלט'ס קומט דאך דאס אויס א מספר פון "זעקס און דרייסיג", און דאס איז דאך די מספר פון צוויי מאל די ווארט: "חַי", ווייל.. יא, ווען א יודיש קינד איז "דבוק" צום אייבערשטן, און ווען א יודיש קינד "לעבט" מיט דעם אייבערשטן, און ער לעבט מיט דעם: "בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ", און ער לעבט מיט דעם: "שִׁוִּיתִי יהו-ה לְנֶגְדִּי תָמִיד", און ער פארגעסט נישט פון דעם אייבערשטן, נאר ער איז מקיים דעם פסוק פון: "זְכֹר אֶת בּוֹרְאֶךָ" וגו', דעמאלט'ס וועט ער קענען זוכה זיין צו די ברכה פון: "חַי חַי", וואס דאס מיינט דאך צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז ער וועט זוכה זיין צו "דער וועלט" און צו "יענע וועלט", און מען וועט קענען ליינען אויף איהם די ווערטער פון די משנה אין אבות אז: "אַשְׁרֶיךָ בָּעוֹלָם הַזֶּה וְטוֹב לָךְ לָעוֹלָם הַבָּא":

וּלְמַעַן תְּסַפֵּר בְּאָזְנֵי בִנְךָ וּבֶן בִּנְךָ אֵת אֲשֶׁר הִתְעַלַּלְתִּי בְּמִצְרַיִם וְאֶת אֹתֹתַי אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בָם וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי יהו-ה: רש"י הק' זאגט אונז אויף די ווערטער: "אֲשֶׁר הִתְעַלַּלְתִּי בְּמִצְרַיִם", אז דאס מיינט צו זאגן, אז דער אייבערשטער האט דא געזאגט פאר משה רבינו, אז: "שיחקתי" – אז איך האב געלאכט פון די מצריים.

דארף מען דאך אבער לכאורה פארשטיין דעם ענין דא, ווייל די "תכלית" וואס דער אייבערשטער האט דא געוואלט זאגן פאר משה רבינו איז דאך געווען, אז ער זאל גיין צו פרעה און איהם אָן ווארענען אז ער זאל ארויס לאזן די יודישע קינדער פון מצרים, און ממילא וואס איז די געלעכטער דא..?! וואו קומט דא אריין אז דער אייבערשטער האט געלאכט פון די מצריים..?! וואס האט דער אייבערשטער (כביכול) פון לאכן פון פרעה..?! און פארוואס דארפן מיר דאס וויסן..?!

און נאך א קשיא איז דאך שווער דא, ווייל פארוואס דארפן מיר דערציילן פאר אונזערע קינדער און קינד'ס קינדער אז דער אייבערשטער האט "געלאכט" פון די מצריים..?! פארוואס איז אזוי וויכטיג צו דערציילן פאר אונזערע קינדער און קינד'ס קינדער אז דער אייבערשטער האט "געלאכט" פון די מצריים..?! די עיקר זאך וואס מיר דארפן דאך לכאורה פארציילן פאר אונזערע קינדער איז דאך, די סיפור פון "יציאת מצרים" – אז דער אייבערשטער האט ארויס גענומען די יודישע קינדער פון מצרים מיט א שטארקע האנט, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק סוף פון די וואכעדיגע פרשה (קפיטל י"ג פסוק ח'), אז עס איז דאך דא א מצות עשה דאורייתא פון: "וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר", און מיר דארפן אלע זעהן צו פארציילן פאר אונזערע קינדער אז: "בַּעֲבוּר זֶה עָשָׂה יהו-ה לִי בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם" – און מיר דארפן אלע זעהן צו פארציילן פאר אונזערע קינדער אז דער אייבערשטער האט אונז ארויס גענומען פון דעם לאנד מצרים מיט א שטארקע האנט.

אבער.. איין מינוט, פארוואס: "וּלְמַעַן תְּסַפֵּר בְּאָזְנֵי בִנְךָ וּבֶן בִּנְךָ אֵת אֲשֶׁר הִתְעַלַּלְתִּי בְּמִצְרַיִם" – פארוואס דארפן מיר דערציילן פאר אונזערע קינדער און קינד'ס קינדער אז דער אייבערשטער האט "געלאכט" פון די מצריים..?! פארוואס פעלט דאס אויס..?! פארוואס דארפן מיר דערציילן פאר אונזערע קינדער און קינד'ס קינדער אז דער אייבערשטער האט "געלאכט" פון די מצריים..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז די סיבה פון דעם איז, ווייל מיר וויסן דאך שוין אלע, אז "פרעה הרשע" איז דאך געווען א אייניקל פון: "חָם" בֶּן נֹחַ, און מיר וויסן דאך שוין אלע אויך, אז: "חָם" בֶּן נֹחַ איז דאך געשאלטן געווארן מיט די קללה פון: "עֶבֶד עֲבָדִים יִהְיֶה לְאֶחָיו" – "חָם" בֶּן נֹחַ איז דאך געשאלטן געווארן מיט די קללה אז ער וועט זיין א "קנעכט" פאר זיינע ברודער'ס, אזוי ווי עס שטייט דאך שוין טאקע בפירוש אין פסוק אין פרשת נח (קפיטל ט' פסוק כ"ה), אז: "אָרוּר כְּנָעַן" – אז נח האט געשאלטן כנען פאר די גרויסע עוולה וואס חם האט דארטן געטוהן, און נח האט דארטן געזאגט אז: "עֶבֶד עֲבָדִים יִהְיֶה לְאֶחָיו" – און נח האט דארטן געזאגט אז: "חָם" וועט שטענדיג זיין א "קנעכט" פאר זיינע ברודער'ס.

אבער.. גארנישט, דער "פרעה" – דער אייניקל פון: "חָם" בֶּן נֹחַ.. זיצט זיך ווייטער אויף זיין "כסא מלוכה", און אלע געלטער פון די גאנצע וועלט קומען אָן צו זיין פאלאץ, אבער משא"כ די יודישע קינדער וואס זענען דאך אייניקל'עך פון: "שֵׁם" בֶּן נֹחַ..ליידן זיך נעבעך צוזאם צרות צרורות פון די רשעות'דיגע מצריים, און די יודישע קינדער ארבעטן ביטער שווער: "בַּעֲבֹדָה קָשָׁה בְּחֹמֶר וּבִלְבֵנִים" וגו'.

און א יעדע נארמאל'ע מענטש וואלט דאך דעמאלט'ס געקענט געבן א געשריי צום השגחה עליונה אז.. איין מינוט הייליגער באשעפער, דאס הייסט אז: "חָם" איז א: "עֶבֶד עֲבָדִים יִהְיֶה לְאֶחָיו"..?! דער פרעה הרשע זיצט זיך דאך אויף זיין "כסא מלוכה", און ער האט דאך הנאה פון אלע געלטער פון די גאנצע וועלט, און מצד שני פייניגט ער נאך אויך די קינדער פון: "שֵׁם" בֶּן נֹחַ..?! און ממילא וואס גייט דא פָּאר..?!

אבער שפעטער ווען דער אייבערשטער האט ארויס גענומען די יודישע קינדער פון מצרים, און עס איז געווען: "וַיִּשְׁאֲלוּ מִמִּצְרַיִם כְּלֵי כֶסֶף וּכְלֵי זָהָב וּשְׂמָלֹת" – און די יודישע קינדער האבן דעמאלט'ס באקומען אלע גאלד און זילבער פון גאנץ מצרים, דעמאלט'ס האט שוין א יעדער איינער פארשטאנען.. אז פרעה'ס גאנצע מלוכה מיט זיין גאנצע רייכטום איז נאר געווען א "הכנה" כדי אז עס זאל שפעטער קענען מקיום ווערן איין מאמר פון דעם אייבערשטן אז: "וְאַחֲרֵי כֵן יֵצְאוּ בִּרְכֻשׁ גָּדוֹל" – אז די יודישע קינדער זאלן

קענען ארויס גיין פון מצרים מיט א: "רְכֻשׁ גָּדוֹל" – מיט גאלד און זילבער ווי עס דארף צו זיין, און עס אז זאל שפעטער קענען מקיום ווערן דעם: "וְאַחֲרֵי כֵן יֵצְאוּ בִּרְכֻשׁ גָּדוֹל" במילואו, ווייל ווען דער אייבערשטער האט צו געזאגט פאר אברהם אבינו אז זיינע קינדער וועלן ארויס גיין פון מצרים: "בִּרְכֻשׁ גָּדוֹל", דעמאלט'ס רעדט מען נישט דא פון קיין קליין געלט, נאר מען רעדט דא פון אלע געלטער פון די גאנצע וועלט פשוטו כמשמעו..!

און כדי אז די הבטחה פון דעם אייבערשטן זאל קענען מקיום ווערן למהדרין, האט יוסף הצדיק געמוזט קודם אראפ קומען קיין מצרים, און דערציילן וועגן די הונגער יאר וואס עס גייט שפעטער קומען, און שפעטער ווערן די משנה למלך אויף גאנץ מצרים, און שפעטער ווערן דער וואס האט אפ געקויפט אלע עסן פון אלע מצריים, און שפעטער ווערן די שליח וואס האט געקענט אריין ברענגען אלע געלטער פון די גאנצע וועלט קיין מצרים (וועגן די הונגער יאר), און אלעס איז נאר געווען.. כדי אז די יודישע קינדער זאלן שפעטער קענען ארויס גיין: "בִּרְכֻשׁ גָּדוֹל" ווי עס דארף צו זיין, און אז עס זאל קענען מקיום ווערן דעם אייבערשטנ'ס הייליגן הבטחה וואס ער האט צו געזאגט פאר אברהם אבינו "למהדרין מן המהדרין".

און ממילא דאס איז געווען די כוונה פון די ווערטער וואס דער אייבערשטער האט דא געזאגט פאר משה רבינו, ווייל דער אייבערשטער האט דאך דא געזאגט פאר משה רבינו, אז דו זאלסט וויסן משה, אז: "וּלְמַעַן תְּסַפֵּר בְּאָזְנֵי בִנְךָ וּבֶן בִּנְךָ" – אז דעם געדאנק וואס גיי דיר יעצט זאגן מוזטו זעהן איבער צו געבן פאר דיינע קינדער און אייניקל'עך, אז וואס..?! אז: "אֲשֶׁר הִתְעַלַּלְתִּי בְּמִצְרַיִם" – אז: "שיחקתי" – אז עס דא אמאל אזא איינער וואס עס איז: "השעה משחקת לו" – אז עס דא אמאל אזא איינער וואס פונקט אויף דער מינוט גייט איהם טאקע גוט, אבער דו ווער נישט נתפעל פון דעם, ווייל די גאנצע זאך איז דאך נאר איין שטיק: "אֲשֶׁר הִתְעַלַּלְתִּי בְּמִצְרַיִם" – די גאנצע זאך איז דאך נאר א: "שיחקתי" – די גאנצע זאך איז דאך נאר א: "שעה משחקת לו" – די גאנצע זאך איז דאך נאר א צייט ווייליג'ע צייט וואס עס גייט איהם גוט, און עס איז נאר: "שעה" משחקת לו.

אבער דו גיי אָן ווייטער מיט דיין עבודת הקודש, און דער שרעק זיך נישט פון דעם, נאר: "וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי יהו-ה" – נאר דו געדענק ווייטער שטענדיג אז: "אֲנִי יהו-ה" – דו געדענק ווייטער שטענדיג אז דער אייבערשטער איז א: "נאמן לשלם שכר טוב למתהלכים לפני" – אז דער אייבערשטער איז אזא איינער וואס באצאלט גוטע שכר פאר די ערליכע יודן, און אפילו ווען מען מיינט אמאל אז עס איז זייער נישט גוט, וועט דאס אבער נאך סוף כל סוף זיין גוט, ווייל סוף כל סוף וועט נאך ארויס קומען פון דעם א אמת'ע "טובה" פאר דעם "צדיק".

ווייל וואס מיינסטו ר' יוד..?! די וועלט איז דען הפקר..?! א רשע קען פייניגן א צדיק אָן קיין שום חשבון..?! ח"ו אזוי צו טראכטן, די גאנצע זאך דא איז דאך נאר א: "אֲשֶׁר הִתְעַלַּלְתִּי בְּמִצְרַיִם" – די גאנצע זאך דא איז דאך נאר א שפיל וואס איך האב געמאכט פון די מצריים, און דער אייבערשטער זאגט דא פאר משה רבינו, אז איך האב זיך [כביכול] אונטער געשמייכל'ט א גאנצן צייט, ווייל די מצריים האבן נעבעך געמיינט אז יא.. זייער שיינע לאנד מצרים וועט ווערן די שענסטע לאנד אויף דער וועלט, ווייל זיי האלטן דאך און איין אריין באקומען אלע געלטער וואס עס איז נאר דא אויף דער וועלט אין זייער לאנד מצרים.

אבער: "לֹא דֻבִּים וְלֹא יַעַר", און: "לֹא מִנֵּיהּ וְלֹא מִקְצָתֵיהּ" – אבער עס הייבט זיך דאך בכלל נישט אָן, ווייל וואס איז סוף כל סוף געבליבן פון מצרים..?! איין גרויסע: "גל של עצמות" – איין גרויסע וויסט'ע מדבר, ווייל די מכה פון "ערוב" האט דאך געמאכט אזא גרויסן חורבן אין גאנץ מצרים וואס מען קען אפילו נישט מסביר זיין מיטן מויל כידוע, און נאך די מכה פון "ברד" האט דאך שוין גאנץ מצרים אויס געזעהן פונקט אזוי ווי "סדום" כפשוטו – פונקט אזוי ווי א איבער געקערט'ע לאנד, ווייל די האגל האט דאך אלעס צובראכן און אלעס צו האקט, אזוי ווי עס ווערט דאך שוין טאקע בפירוש געברענגט אין מדרש, און ביי די מכה פון "מכת בכורות" איז דאך גאר גאר א גרויסע חלק פון די מצריים אויס

געשטארבן, (און דאס איז דאך שוין חוץ פון די חשבון פון די מצריים וואס זענען געשטארבן ביי א יעדע מכה).

און פון דעם שיינעם לאנד: "מִצְרַיִם" וואס א יעדער איינער האט געמיינט אז דאס וועט זיין דער שענסטע לאנד אויף דער וועלט.. איז איבער געבליבן א בארג פון פוסט'ע זאמד – גארנישט מיט גארנישט, און גלייך פאר די יודישע קינדער האבן דאס איבער געלאזט, האבן זיי מיט גענומען מיט זיך אלע גאלד און זילבער פון גאנץ מצרים וואס דער אייבערשטער האט שוין אָן גע'גרייט פאר זיי מיט יארן פריער.

ווייל דער אייבערשטער זעהט דאך שוין יא זייער גוט אלעס וואס עס גייט דא פָאר אויף דער וועלט, און דער אייבערשטער געדענקט דאך שוין יא זייער גוט אלע מעשים רעים פון דעם "רשע", און ער וועט דאס ח"ו נישט פאר שווייגן, נאר וואס דען..?! מיר ווייסן דאך שוין אלע, אז דער אייבערשטער איז דאך גאר גאר א גרויסן "סבלן", און דאס מיינט צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז דער אייבערשטער האט גאר גאר גאר אסאך "סבלנות", און דער אייבערשטער קען אסאך אמאל אויסווארטן צענדליגע יארן ביז ווען ער וועט צוריק באצאלן פאר דעם רשע זיין פארדינט'ע שטראף וואס עס קומט זיך איהם, אבער ח"ו אזוי צו זאגן אז דער אייבערשטער קוקט זיך נישט אום אויף א "צדיק" בשעת ווען ער ליידט זיך צוזאם צרות צרורות פון א אדם "רשע".

ווייל דער אייבערשטער געפונט זיך דאך שטענדיג לעבן דעם "צדיק", אזוי ווי מיר זאגן דאך שוין טאקע אלע ביי די זמירות פון שלוש סעדות ביי דעם פיוט פון: "אֵ-ל מִסְתַּתֵּר" וכו', אז דער: "צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם" געפונט זיך שטענדיג לעבן דעם: "צַדִּיק אַתָּה יהו-ה", און דער הייליגער באשעפער פאר קוקט קיינמאל נישט פון דעם "צדיק" פאר קיין איין רגע, נאר פארקערט, ער געבט שטענדיג אכטונג אויף איהם, און ער זעהט זייער קלאר און פונקטליך ווער עס פייניגט דעם "צדיק", און צענדליגע יארן שפעטער קען ערשט אָן קומען די מפלה פון דעם "רשע".

איי.. וועט איינער אבער פרעגן, אז פארוואס טאקע..?! און דאס מיינט צו זאגן אין אנדערע ווערטער, אז פארוואס טאקע דארפן מיר אמאל צו זעהן מיט אונזערע אויגן ווי א "צדיק" ווערט געפייניגט דורך א אדם "רשע" אזא לאנגע צייט, און מיר זעהען נישט גלייך ווי אזוי דער רשע באקומט צוריק זיין שטראף אויף דעם וואס ער האט געפייניגט אזא גרויסער "צדיק"..?! פארוואס..?! אבער די תירוץ אויף דעם איז, אז די סיבה פארוואס דער אייבערשטער באשטראפט נישט גלייך דעם "רשע" אויף דעם וואס ער האט געפייניגט דעם "צדיק" איז, ווייל אויב דער אייבערשטער וואלט גלייך געגעבן א קלאפ פאר דעם "רשע" אויף דעם וואס ער האט געפייניגט דעם "צדיק", דעמאלט'ס וואלטן מיר דאך אלע גלייך פארלוירן אונזער "כח הבחירה", ווייל קיינער פון אונז וואלט דאך נישט געוואלט זיין דעמאלט'ס קיין "רשע", ווייל דו זעהס'ט דאך נישט..?! מען באקומט דאך גלייך א שרעקליכ'ע עונש ווען איינער איז א "רשע"..?!

אבער יעצט וואס מיר לעבן ליידער אין א וועלט וואס: "צדיק ורע לו" – וואס פאר א צדיק קען אמאל זיין שלעכט, און: "רשע וטוב לו" – און משא"כ פאר דער רשע קען אמאל זיין גאר גוט, און עס קוקט שוין ממש אויס ווי דער רשע גייט איין טאג איין נעמען די וועלט אין איין מינוט, דוקא אין אזא וועלט דארפן מיר אלע קענען געבן א שריי ארויס דעם: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה" – אז איך גלייב טאקע באמת: "בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ גּוֹמֵל טוֹב לְשׁוֹמְרֵי מִצְוֹתָיו", איך גלייב טאקע באמת אז דער אייבערשטער באצאלט גוטע זאכן פאר דער צדיק, און: "וּמַעֲנִישׁ לְעוֹבְרֵי מִצְוֹתָיו" – און ער באשטראפט דער רשע מיט שלעכט'ס אויף זיין גרויסע רשעות וואס ער טוט.

איי.. וועט איינער אבער פרעגן, אז עס שטימט דאך נישט אייביג..?! ווייל געב נאר א קוק אהער, דער "רשע" דארטן האקט זיך דאך א לעבן, און ער לעבט זיך דאך דארטן ביי זיך א געשמאקע לעבן טראץ דעם וואס ער פייניגט אויס ערליכע יודן..?! און ממילא ווי אזוי קען זיין אז דער אייבערשטער איז טאקע א ריכטיגע: "מַעֲנִישׁ לְעוֹבְרֵי מִצְוֹתָיו", געב נאר א קוק אויף דער און דער "רשע", ער טוט זיך וואס ער

וויל..?! אויף דעם איז די תירוץ, אז עס איז נישט קיין שום נפקא מינה, ווייל אויב דער אייבערשטער האט געזאגט אז ער איז א: "גּוֹמֵל טוֹב לְשׁוֹמְרֵי מִצְוֹתָיו וּמַעֲנִישׁ לְעוֹבְרֵי מִצְוֹתָיו", דעמאלט'ס איז דאס אזוי, און איך וויל אפילו נישט הערן וואס דו האסט צו זאגן אויף דעם, ווייל דאס איז דאך די מציאות, און דאס איז דאך די אמת'ע טריקענ'ע פאקט.

איי.. עס שטימט דאך נישט..?! די תירוץ אויף דעם איז, אז דאס איז טאקע דיין "נסיון", אז דו זאלסט זעהן מיט דיינע אויגן ווי אזוי זאכן שטימט נישט, און דיין יצר הרע זאל דיר אָן הייבן צו פאר דרייען א קאפ מיט נאריש'ע קאפ שטיק אז.. געב נאר א קוק, דער "רשע" האקט זיך דארטן א לעבן, אבער משא"כ דער "צדיק" ליידט זיך דארטן צוזאם צרות צרורות פון דעם רשע, און דער צדיק לעבט זיך נעבעך אפ א ארימ'ע געדרוקט'ע לעבן, און דיין יצר הרע וועט דיר דעמאלט'ס גלייך געבן א פרעג, אז נו.. וואס קענסטו ענטפער'ן אויף דעם..?! די תירוץ אויף דעם איז, די הייליגע ווערטער וואס דער אייבערשטער האט געזאגט אין די: "עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת", ווייל דער אייבערשטער האט דאך אונז שוין אלע געזאגט בקול חוצב אויפן בארג סיני אין די: "עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת", אז עטץ זאלט'ס וויסן טייערע יודן, אז איך בין א: "פֹּקֵד עֲוֹן אָבֹת עַל בָּנִים עַל שִׁלֵּשִׁים וְעַל רִבֵּעִים לְשֹׂנְאָי", און איך האב גאר גאר גאר אסאך "סבלנות".

און ממילא וועגן דעם מאך איך ענק יעצט א קלאר'ע הקדמה פון פָאר אויס, און איך זאג אייך שוין יעצט פון פָאר אויס, אז ווען איר זעהט אמאל אז דער "רשע" לעבט זיך א גוט'ן לעבן, דעמאלט'ס זאלט איר ח"ו נישט נתפעל ווערן, און איר זאלט ח"ו נישט מיינען אז דער וועלט איז א הפקר וועלט, ח"ו אפילו אזוי צו טראכטן..! ווייל איך בין דאך א קעניג וואס איז: "סובל ומעלים עין מסוררים" – איך בין דאך א קעניג וואס קען האבן אמאל גאר גאר גאר אסאך "סבלנות", און דאס איז טאקע ענקער נסיון מיינע טייערע קינדער, אז ענק זאלן מיינען אמאל אז יא.. מען קען טוהן וואס מען וויל אויף דער וועלט, און מען ווערט נישט געשטראפט.

אבער וויסן זאלט איר בידיעה גמורה, און: "וּלְמַעַן תְּסַפֵּר בְּאָזְנֵי בִנְךָ וּבֶן בִּנְךָ" – און איר זאלט דאס נאך אפילו איבער געבן פאר אלע אייערע קינדער און קינד'ס קינדער: "אֵת אֲשֶׁר הִתְעַלַּלְתִּי בְּמִצְרַיִם" – אז: "שיחקתי" – אז עס דא אמאל א רשע וואס: "השעה משחקת לו" – אז עס דא אמאל א רשע וואס פונקט אויף יענע מינוט גייט איהם טאקע אפשר גוט, אבער דו ווער נישט נתפעל פון דעם, ווייל עס איז דאך נאר: "אֲשֶׁר הִתְעַלַּלְתִּי בְּמִצְרַיִם" – די גאנצע זאך איז דאך נאר א "שפיל" אויף יענע מינוט, און די גאנצע זאך איז דאך נאר א "לַאךְ" אויף יענע מינוט, און: "שיחקתי" – און עס איז דאך נאר א: "שעה" משחקת לו – און די גאנצע "לַאךְ" איז דאך נאר א צייט ווייליג'ע "לַאךְ" וואס עס איז איהם נאך פאר בליבן צו לאכן, אבער דאס וועט נישט אָן האלטן צו לאנג, ווייל סוף כל סוף וועט דער "רשע" באקומען זיין פארדינט'ע שטראף.

און ממילא דו גיי אָן ווייטער מיט דיין הייליגע עבודה, און דין דעם אייבערשטן מיט א פלאם פייער און מיט א ברען, און מאך זיך נישט צו טוהן פון דאס וואס דער רשע מיינט נעבעך אז ער האקט זיך א לעבן אויף דער וועלט, ווייל אלעס פירט זיך דאך פון הימל, און ממילא דער שרעק זיך נישט פון דעם, נאר: "וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי יהו-ה" – נאר געדענק שטענדיג אז: "אֲנִי יהו-ה" – געדענק שטענדיג אז דער אייבערשטער איז א: "נאמן לשלם שכר טוב למתהלכים לפני".

און דאס איז דאך טאקע די "יסוד" ווי אזוי מען קען אויף שטעלן א ערליכע הייליגע יודישע שטוב פארן הייליגן באשעפער, ווייל דורך דעם וואס מען איז מסביר פאר אונזערע קינדער אז אונזער לעבן וואס מיר לעבן איז א אמת'ע "לעבן", אבער משא"כ די לעבן פון אלע אנדערע רשעי ישראל זענען נישט קיין לעבן, נאר זיי לעבן זיך אפ א פוסט'ע ליידיגע לעבן אויף דער וועלט, דעמאלט'ס וועלן אונזערע שטובער ווערן אוועק געשטעלט אויף פעסטע יסודות, און נאר אזוי וועלן מיר קענען אויף ציען ערליכע יודישע קינדער: "נאמנים ליהו-ה ולתורתו הקדושה" וואס וועלן נישט גלייבן אין קיין שום עקזעסטעץ פון קיין שום עולם

הזה'דיגע זאך, נאר זיי וועלן גלייבן אין דעם איין איינציג'ן באשעפער וואס האט באשאפן הימל און ערד, און ער וועט דאך אונז שוין טאקע בקרוב ממש ווייזן ווער עס איז דער אמת'ע "צדיק" און אונז אויס לייזן פון אונזער ביטער'ן גלות.

און דער ענין איז דאך שוין טאקע אויך מרומז איז דעם פסוק פון: "וּלְמַעַן תְּסַפֵּר בְּאָזְנֵי בִנְךָ וּבֶן בִּנְךָ" וגו', ווייל די ראשי תיבות פון די ווערטער: "**וּ**לְמַעַן **תְּ**סַפֵּר **בְּ**אָזְנֵי **בִנְךָ וּ**בֶן **בִּנְךָ**" – איז דאך טאקע אויך גימטריא: "בֵּיתוֹ", ווייל יא ר' יוד, אונזערע שטובער דארפן ווערן אוועק געשטעלט אויף א אופן אז אונזערע שטובער פון אונזערע קינדער זאלן אויך ווערן אוועק געשטעלט אויף דעם יסוד אז מען דארף זיין א ערליכע יוד אָן קיין שום חשבונות, און אפילו ווען מען זעהט אמאל אז דער רשע לעבט זיך אפ א גוט'ן לעבן אויף דער וועלט, טאר מען אבער דעמאלט'ס נאך אלץ נישט מיינען ח"ו אז דער וועלט איז א "הפקר" וועלט ח"ו, ווייל דער אייבערשטער איז דאך גאר א גרויסער קעניג וואס האט גאר גאר גאר אסאך "סבלנות", און ער קען אמאל ווארטן יארן לאנג ביז ווען ער וועט שטראפן דעם "רשע" אויף זיינע שלעכטע מעשים, און דאס וואס עס גייט איהם יעצט גוט איז נאר: "אֵת אֲשֶׁר הִתְעַלַּלְתִּי בְּמִצְרַיִם" – און דאס וואס עס גייט איהם יעצט גוט איז פשוט א: "שיחקתי" – עס איז פשוט א צייט ווייליג'ע צייט וואס: "השעה משחקת לו", און פונקט יעצט זעהט עפעס אויס דאס בילד ווי עס גייט איהם גוט.

אבער א ערליכע יוד, ווערט נישט נתפעל פון דעם, ווייל א ערליכע יוד ווייסט דאך, אז די גאנצע גוטע לעבן וואס דער רשע פארמאגט איז דאך נאר א: "שעה משחקת לו" – די גאנצע גוטע לעבן וואס דער רשע פארמאגט איז דאך נאר א צייט ווייליג'ע צייט וואס איז איהם נאך פאר בליבן צו לאכן, אבער דאס וועט נישט אָן האלטן צו לאנג, ווייל סוף כל סוף וועט דער רשע באקומען זיין פארדינט'ע שטראף, און דער "צדיק" וועט דעמאלט'ס ירשנ'ען די אמת'ע גליק, ווייל די אמת'ע גליק איז דאך: "חַיֵּי עוֹלָם הַבָּא" וואס איז דאך א אייביג'ע לעבן: "הצפון לצדיקים לעתיד לבוא" – וואס איז אוועק געלייגט געווארן פאר די ערליכע יודן וואס לאזן זיך נישט פאר פירן פון די אלע שרעקליכ'ע נסיונות פון דעם דור, און דוד המלך זאגט דאך אונז שוין טאקע בפירוש אין זיין הייליגן ספר תהלים, אז ווי קענען מיר דען פארשטיין די גרויס'קייט פון די שכר וואס ליגט אוועק געלייגט אויבן אין הימל פאר אלע "צדיקים" – פאר אלע וואס טוען דעם רצון השם יתברך, ווייל: "מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ":

הַיּוֹם אַתֶּם יֹצְאִים בְּחֹדֶשׁ הָאָבִיב: רש"י הק' זאגט אונז דא, אז דער הייליגער תורה הק' זאגט אונז דא אָן, אז דו זאלסט געדענקען, אז ווען די יודישע קינדער זענען ארויס געגאנגען פון מצרים, איז נישט געווען דעמאלט'ס קיין הייסע וועטער, און אויך נישט קיין קאלטע וועטער, נאר די וועטער איז געווען דעמאלט'ס פונקט גוט, נישט צו הייס, און נישט צו קאלט, נאר עס איז געווען דעמאלט'ס א פיינע איינגענעמ'ע געשמאקע וועטער..?!

אבער לכאורה איז דאך שווער א מורא'דיגע קשיא, ווייל וואס איז פשט פון אזעלכע ווערטער..?! בשעת ווען די יודישע קינדער האבן זיך שוין ענדליך ארויס געזעהן פון זייער ביטער'ע "גלות מצרים" איז זיי דען אָן געגאנגען בכלל וואס פאר א וועטער עס איז געווען דעמאלט'ס אינדרויסן..?! מען אנטלויפט דאך יעצט פון דעם טויט'ליכן לאגער וואס הייסט: "מִצְרַיִם"..?!

און מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז אויב דו וועסט פרעגן א יוד וואס האט איבער געלעבט די וועלט'ס קריג וואס פאר א וועטער עס איז געווען אינדרויסן בשעת ווען ער איז ארויס געשפרונגען פון די באנען אויפן וועג קיין אוישוויץ, וועט ער דיר דעמאלט'ס אָן קוקען נישט נארמאל, און ער וועט דיר דעמאלט'ס גלייך פרעגן, אז.. זאג מיר נאר ר' יוד, איר זענט נארמאל..?! וואס הייסט וואס פאר א וועטער עס איז געווען דעמאלט'ס..?! איך בין דאך דעמאלט'ס בכלל נישט געווען אינטערעסירט אין די וועטער, און עס איז דאך מיר דעמאלט'ס בכלל נישט אָן געגאנגען די וועטער אינדרויסן, ווייל איך האב דאך

געוואוסט דעמאלט'ס אז איך אנטלויף דאך יעצט פאר מיין לעבן, און ממילא פארוואס פרעגסטו מיר אזעלכע נארישקייטן..?!

און די זעלבע זאך איז דאך בעצם אויך שווער דא ביי אונזער פרשה, ווייל וואס איז פשט פון די ווערטער וואס דער אייבערשטער האט דא געזאגט פאר די יודישע קינדער אז: "הַיּוֹם אַתֶּם יֹצְאִים" – אז ענק גייען טאקע היינטיג'ן טאג ארויס פון מצרים, אבער איר זאלט וויסן, אז ענק גייען ארויס: "בְּחֹדֶשׁ הָאָבִיב" – אבער איר זאלט וויסן אז ענק גייען ארויס אין א צייט פון דעם יאר וואס עס איז: "לא חמה ולא צינה" – וואס עס איז נישט קאלט דעמאלט'ס אינדרויסן, און עס איז אויך נישט הייס דעמאלט'ס אינדרויסן, נאר עס איז דעמאלט'ס גאר געשמאק און איינגענעם צו גיין אויף די גאס, וואס איז פשט פון דעם..?!

עס איז דאך ניט אמאל אָן געגאנגען פאר די יודישע קינדער וועלכע וועטער עס איז געווען בשעת ווען זיי זענען ארויס געגאנגען פון דעם שווער'ן ביטער'ן "גלות מצרים"..?! וועמען איז דעמאלט'ס אָן געגאנגען בכלל וואס פאר א וועטער עס איז געווען דעמאלט'ס אינדרויסן..?! זיי האבן זיך דאך ערשט יעצט ארויס געזעהן פון דעם פינסטער'ן "גלות מצרים", און די עיקר איז דאך, אז מען זעהט זיך דאך שוין ענדליך ענדליך ארויס פון דעם טויט'ליכן לייבן גרוב וואס הייסט: "מִצְרָיִם"..?! און ממילא וואו קומט דא בכלל אריין די ווערטער פון: "הַיּוֹם אַתֶּם יֹצְאִים בְּחֹדֶשׁ הָאָבִיב" אין אזא מאמענט..?!

נאר די תירוץ אויף דעם איז, אז די כוונה וואס דער אייבערשטער האט דא געוואלט זאגן פאר די יודישע קינדער מיט די ווערטער: "הַיּוֹם אַתֶּם יֹצְאִים בְּחֹדֶשׁ הָאָבִיב" איז געווען גאר גאר א טיפע, ווייל דער אייבערשטער האט דא געוואלט אז די יודישע קינדער זאלן גוט געדענקען: "לְעוֹלְמֵי עַד וּלְנֵצַח נְצָחִים" עד סוף כל הדורות.. אז דער אייבערשטער האט ארויס גענומען די יודישע קינדער פון מצרים דוקא: "בְּחֹדֶשׁ הָאָבִיב" – דוקא אין א צייט וואס עס איז נישט געווען דעמאלט'ס "קאלט" אינדרויסן, און אויך נישט הייס, ווייל די געדאנק פון דעם איז דאך געווען איין זאך, און דאס איז, אז: "שָׁמוֹר אֶת חֹדֶשׁ הָאָבִיב" – אז די יודישע קינדער זאלן שטענדיג געדענקען און אפ היטן דעם געדאנק ביי זיך אין קאפ, וועלכע געדאנק..?!

דעם געדאנק אז דער אייבערשטער האט זיי ארויס גענומען פון זייער ביטער'ן "גלות מצרים" אין א צייט וואס עס איז נישט געווען דעמאלט'ס קאלט אינדרויסן, און אויך נישט הייס, נאר עס איז געווען דעמאלט'ס גאר גאר געשמאק און איינגענעם אינדרויסן, ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט, אז דו זאלסט גוט געדענקען ווער דער אייבערשטער איז..!

ווייל עס איז אמת טאקע אז עס איז געווען א "גזירה" פון דעם אייבערשטן נאך פון די ברית בין הבתרים אז: "כִּי גֵר יִהְיֶה זַרְעֲךָ בְּאֶרֶץ לֹא לָהֶם" – אז די יודישע קינדער וועלן נעבעך מוזן א דורך גיין דעם שווער'ן ביטער'ן "גלות מצרים", און: "וַעֲבָדוּם וְעִנּוּ אֹתָם אַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה" – און מען וועט זיי טאקע נעבעך שלאגן און פייניגן דארטן פאר "פיר הונדערט יאר", און.. יא, וואס קען מען דען טוהן..?! עס איז דאך געווען א "גזירה מן השמים" אז די יודישע קינדער וועלן דארפן ליידן צרות צרורות אין דעם פינסטער'ן גלות מצרים..?!

אבער די רגע וואס עס איז אָן געקומען די מינוט וואס די יודישע קינדער האבן שוין געדארפט ארויס גיין פון דעם פינסטער'ן "גלות מצרים", דעמאלט'ס איז נישט געווען א בחינה פון בסדר.. מען גייט שוין באלד ארויס גיין פון דעם שווער'ן ביטער'ן לאנד מצרים, און רבותי.. האלט'ס ענק רואיג נאך א פָּאר מינוט, ווייל מען גייט זיך שוין באלד געזעגענען פון דעם פינסטער'ן לייבן גרוב, ניין ניין ניין, נאר עס איז געווען דעמאלט'ס א בחינה פון: "וְלֹא יָכְלוּ לְהִתְמַהְמֵהַּ", און די יודישע קינדער האבן זיך דעמאלט'ס פשוט נישט געקענט מער אויף האלטן פאר קיין איין רגע אין דעם פארשאלטענעם לאנד מצרים.

איי פארוואס..?! די תירוץ אויף דעם איז, ווייל וואס הייסט פארוואס..?! עס איז דאך שוין אָן געקומען די צייט וואס דער אייבערשטער האט געדארפט ארויס נעמען די יודישע קינדער פון דעם "גלות מצרים",

ווייל דער אייבערשטער האט דאך שוין פון לאנג צוריק געהאט באשטימט א פונקטליכ'ע סעקונדע ווען די יודישע קינדער וועלן באפרייט ווערן פון זייער "גלות מצרים", און די רגע ווען דער סעקונדע איז אָן געקומען, האבן דאך דעמאלט'ס די יודישע קינדער גלייך געמוזט ארויס פליען פון מצרים ווי אין איין אויגן בליק.

און ממילא וועגן דעם: "וְלֹא יָכְלוּ" לְהִתְמַהְמֵהַּ – און ממילא וועגן דעם האבן זיך די יודישע קינדער מער נישט "געקענט" אויף האלטן אין דעם פארשאלטענעם לאנד מצרים פאר קיין איין רגע מער, ווייל עס האט זיך דאך שוין גע'ענדיגט די "פיר הונדערט יאר" וואס דער אייבערשטער האט געהאט צו געזאגט פאר אברהם אבינו אז זיינע קינדער וועלן דארפן ארבעטן שווער אין דעם פינסטער'ן לאנד מצרים.

און ממילא וועגן דעם: "וְלֹא יָכְלוּ" לְהִתְמַהְמֵהַּ – און ממילא וועגן דעם האבן זיך די יודישע קינדער מער נישט געקענט אויף האלטן פאר קיין איין רגע אין דעם פינסטער'ן לאנד מצרים, נאר זיי האבן געמוזט באפרייט ווערן יענע רגע, איי פארוואס..?! די תירוץ אויף דעם איז, ווייל די "הבטחה" פון דעם אייבערשטן האט זיי דאך ארויס געטריבן.

און דאס איז דאך טאקע אויך פשט פון די ווערטער: "כִּי גֹרְשׁוּ מִמִּצְרַיִם" וגו', ווייל א פשוט'ע אויג האט טאקע געזעהן דעמאלט'ס א: "כִּי גֹרְשׁוּ מִמִּצְרַיִם" – ווייל א פשוט'ע אויג האט טאקע געזעהן דעמאלט'ס אז די יודישע קינדער קענען מער נישט בלייבן אין מצרים ווייל די "מצריים" טרייבן זיי דאך ארויס פון דארטן ווי ווילד'ע הינט, אבער דער וואס האט געהאט א: "נִשְׁמַת רוּחַ חַיִּים בְּאַפָּיו" האט געוואוסט, אז דאס איז נישט געווען די סיבה פארוואס די יודישע קינדער זענען ארויס געטריבן געווארן פון דעם לאנד מצרים, נאר די אמת'ע סיבה פארוואס די יודישע קינדער זענען ארויס געטריבן געווארן פון דעם לאנד מצרים איז געווען, ווייל: "וְלֹא יָכְלוּ" לְהִתְמַהְמֵהַּ – ווייל זיי האבן זיך דאך פשוט מער נישט געקענט אויף האלטן אין דעם פינסטער'ן לאנד מצרים.

איי וועט איינער אבער פרעגן, אז פארוואס..?! וואס הייסט אז: וְלֹא "יָכְלוּ" – וואס הייסט אז די יודישע קינדער האבן זיך מער נישט געקענט אויף האלטן אין דעם לאנד מצרים..?! ווי אזוי קען מען זאגן אויף א געוויסע זאך אז מען "קען" דאס נישט טוהן..?! נאר אויף עובר זיין אויף א: "ציווי יהו-ה" פאסט זיך די לשון: "וְלֹא יָכְלוּ" – אז מען קען דאס נישט טוהן, אבער אין א פשוט'ע פראסטע לאנד ווי מצרים קען מען דען זאגן אמאל דעם לשון: "וְלֹא יָכְלוּ" לְהִתְמַהְמֵהַּ – אז די יודישע קינדער האבן זיך פשוט נישט געקענט אויף האלטן מער אין דעם לאנד מצרים..?!

אבער די תירוץ אויף דעם איז, אז דו ביזט גערעכט טאקע אז מען רעדט טאקע דא פון א טמא'נע לאנד מצרים, אבער וואס זאל מען טוהן אז די גאנצע "גאולת ישראל" איז דאך געווען ארום גענומען מיט איין גרויסע "הבטחה" פון דעם "אייבערשטן" אליין..?! ווייל דער אייבערשטער האט דאך געהאט צו געזאגט פאר אונזער הייליגע זיידע אברהם אבינו ביי די "ברית בין הבתרים" אז עס וועט נאך קומען א צייט וואס: "יֵצְאוּ בִּרְכֻשׁ גָּדוֹל" – אז עס וועט נאך קומען א צייט וואס דיינע אייניקל'עך וועלן ארויס גיין פון דעם שווער'ן ביטער'ן גלות מצרים אָן געלאדענט מיט גאלד און זילבער און טייערע אוצרות, און ממילא ווען מען רעדט פון אזא שטארקע "הבטחה" פון דעם אייבערשטן אליין ביי די "ברית בין הבתרים" צו אונזער הייליגע זיידע "אברהם אבינו" וואס האט זיך מוסר נפש געווען: עַל "קִדּוּשׁ יהו-ה" אין: "אוּר כַּשְׂדִּים", דעמאלט'ס פאסט זיך דאך שוין נישט קיין שום לשון אויף דעם נאר אז: "וְלֹא יָכְלוּ" לְהִתְמַהְמֵהַּ – נאר אז די יודישע קינדער האבן זיך פשוט מער נישט געקענט אויף האלטן אין דעם פינסטער'ן לאנד מצרים.

ווייל אויב דער אייבערשטער האט צו געזאגט פאר אברהם אבינו, אז דער און דער סעקונדע וועלן דיינע אייניקל'עך באפרייט ווערן פון גלות, דעמאלט'ס האבן די יודישע קינדער געמוזט באפרייט ווערן פונקטליך יענע און יענע סעקונדע, און נישט קיין איין רגע שפעטער..! און נישט נאר אז זיי האבן געמוזט באפרייט ווערן דעמאלט'ס, נאר עס האט אויך דוקא געמוזט פאסירן: "בְּחֹדֶשׁ הָאָבִיב" – ווען די וועטער

איז פונקט גוט, ווייל די לימוד פון דעם איז, אז עס איז נישט דא אזא זאך אז דער אייבערשטער שטראפט א מענטש מער ווי עס איז איהם געווען באשערט צו ליידן.

און דאס זעהט מען דאך שוין טאקע קלאר ביי די פרשה פון "יציאת מצרים", ווייל מען זעהט דאך שוין קלאר ביי די פרשה פון יציאת מצרים, אז טראץ דעם וואס מען האט נעבעך אויס געשאכטן הונדערט'ער טויזנט'ער יודישע קינדער אין דעם לאנד מצרים, האבן די יודישע קינדער אבער נאך אלץ געדארפט ארויס גיין: "בְּחֹדֶשׁ הָאָבִיב" – האבן די יודישע קינדער אבער נאך אלץ געדארפט ארויס גיין אין א צייט ווען עס איז לופטיג און איינגענעם ארויס צו גיין אויף די גאס.

ווייל יא ר' יוד, א יעדע פינטעל'ע עגמת נפש וואס דער הייליגער באשעפער שיקט פאר א מענטש איז פונקטליך פונקטליך אפ געמאסטן אויפן הָאר, פונקטליך ווי לאנג די עגמת נפש וועט אָן גיין, און אזוי אויך פונקטליך ווען עס וועט זיך ענדיגן, (און פארשטייט זיך אז מען קען אוועק נעמען דעם עגמת נפש פאר די צייט דורך "תפילה" כידוע), ווייל דער אייבערשטער איז דאך א: "צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא" – ווייל דער אייבערשטער איז דאך א גערעכט'ער און א גלייכער גאט, און דער אייבערשטער וועט דאך בשום אין אופן נישט צו לאזן אז א מענטש זאל זיך פייניגן אין צער ועגמת נפש מער צייט וויפיל עס איז נגזר געווארן אויף איהם: "מִן הַשָּׁמַיִם" אז ער זאל דארפן ליידן, איי פארוואס..?!

די תירוץ אויף דעם איז, ווייל דער אייבערשטער ווערט דאך אָן גערופן א: "בַּעַל רַחֲמִים", אזוי ווי מיר זאגן דאך שוין טאקע אלע ביי תחנון, אז: "וּבַעַל הָרַחֲמִים נִקְרֵאתָ" – אז דער אייבערשטער ווערט דאך אָן גערופן מיטן נאמען א: "בַּעַל רַחֲמִים", און איינער פון די י"ג מידות של רחמים איז דאך טאקע דאס אז דער אייבערשטער איז א: "אֵ-ל רַחוּם וְחַנּוּן" – איינער פון די י"ג מידות של רחמים איז דאך טאקע דאס אז דער אייבערשטער איז א רחמנות'דיגער באשעפער.

און וועגן דעם בעטן מיר טאקע פון דעם אייבערשטן דעם בקשה פון: "תֵּפֶן אֵלֵינוּ בְּרַחֲמִים" – אז דער אייבערשטער זאל זיך שוין קערן צו אונז מיט "רחמנות", און דו ווייסט פארוואס מיר בעטן דאס פון דיר הייליגער גרויסער טאטע אין הימל..?! ווייל: כִּי אַתָּה הוּא "בַּעַל הָרַחֲמִים" – ווייל דו ביזט דאך דער גרויסער: "בַּעַל רַחֲמִים" וואס: "וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו" – וואס דיין רחמנות דערקענט זיך דאך אויף אלע דיינע באשעפעניש'ן פון די גאנצע וועלט.

און טאקע וועגן דעם וועט זיך דער אייבערשטער קיינמאל נישט: "מִתְעַלֵּם" זיין ח"ו פון קיין שום יוד ווען ער האט ח"ו אמאל א צרה, נאר ער וועט שטיין פון די זייט, און: "וַיֵּדַע אֱלֹקִים" – און ער וועט דעמאלט'ס זאגן פאר דעם מענטש אז גלייב מיר אז איך "ווייס" וואס דו מאכס'ט נעבעך מיט דא, און גלייב מיר אז איך "פארשטיי" וואס דו מאכס'ט נעבעך מיט דא, אבער וויסן זאלסטו ר' יוד, אז אלעס האט א פונקטליכ'ע חשבון: "מִן הַשָּׁמַיִם", און ווען עס וועט אָן קומען די מינוט וואס דיין צרה וועט דארפן אוועק גיין, וועסטו שוין זעהן דעמאלט'ס אז דיין צרה וועט פלוצלונג נעלם ווערן אויפן סעקונדע, און עס וועט זיך ניט אמאל דערקענען אז דו האסט אמאל געהאט אזא סארט צרה.

און די אמת איז דאך, אז אויף דעם ענין פון: "אמונה בהשגחה פרטיות" דארפן מיר דאך אלע גאר גאר שטארק ארבעטן, ווייל מיר דארפן דאך אלע צוזאמען גוט אריין זעצן אין אונזערע קעפ אז דער אייבערשטער פירט דאך די גאנצע וועלט מיט א מורא'דיגע פונקטליכ'ע: "השגחה פרטיות" ממש ממש ממש, און קיין שום צרה אויף דער וועלט איז נישט קיין פער צו פאל, ווייל דער אייבערשטער פירט דאך די וועלט..! און מיר דארפן דאס פשוט אריין שרייען און אונזערע הערצער איין מאל און נאך אמאל און נאך אמאל און נאך אמאל אז דער אייבערשטער פירט דאך די וועלט..! און דער אייבערשטער פארגעסט דאך קיינמאל נישט פון קיין שום יודיש קינד בכל מצב שהוא..!

און דער אייבערשטער האט דאך אונז שוין טאקע קלאר מגלה געווען דורך רש"י הק' אין פרשת שמות, אז עס איז דאך: "נתן עליהם לב" – אז דער אייבערשטער האט דאך שטענדיג (כביכול) א: "שימת לב" צו א יעדע יודישע פאר קלעמט'ע הארץ, און כל שכן וכל שכן אז: "ולא העלים עיניו" – און כל שכן וכל שכן אז ער איז זיך קיינמאל נישט: "מִתְעַלֵּם" פון קיין שום יודיש קינד, און עס איז דאך: "וַיֵּדַע אֱלֹקִים" – דער אייבערשטער האלט דאך מיט דיין שווער'ן מצב ר' יוד, און דער אייבערשטער שטייט דאך שטענדיג לעבן דיר ר' יוד..! און ממילא ווי אזוי קענען מיר זיך אמאל אזוי שטארק פארלירן ווען מען באקומט אמאל א צרה..?! געוואלד און געשריגן..! דער אייבערשטער פירט דאך די וועלט..!

און דער אייבערשטער לייגט דאך שטענדיג צו א "הארץ" צו כלל ישראל, און דער אייבערשטער וויינט דאך (כביכול) שטענדיג מיט צוזאמען מיט די יודישע הערצער: "בְּעֵת צָרָתָם", און מיר דארפן נאר אלע פשוט זעהן צו גלייבן: "בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה" אין דעם הייליגן: "השגחה פרטיות של הקדוש ברוך הוא בכל רגע ורגע", און מיר דארפן נאר אלע פשוט זעהן צו גלייבן: "בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה" אז דער אייבערשטער איז דער איינציגסט'ער: "ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין".

און עס ווערט דאך שוין טאקע אויך געברענגט אין די ספרים הק', און מיסודו איז דאס פון דעם הייליגן איש קדוש **נ**חל **נ**ובע **מ**קור **ח**כמה רבי נחמן מברסלב זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, אז אויב גלייבט מען נישט אין "השגחה פרטיות בכל רגע ורגע", דעמאלט'ס קען מען ליידער אָן הייבן צו שפירן א "קרירות" אין עבודת השם יתברך בכלליות, ווייל.. יא, א יודיש קינד מוז שטענדיג גלייבן: "בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה" אז דער אייבערשטער פירט די גאנצע וועלט "בהשגחה פרטיות" ממש.

און א יודיש קינד מוז דאך שטענדיג גלייבן: "בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה" אז: "וַיֵּדַע אֱלֹקִים" – אז דער אייבערשטער האלט מיט דיין גאנצע שווער'ן מצב, און ער וויינט מיט צוזאמען מיט דיר, ווייל ער שטייט דאך לעבן דיר א יעדע מינוט פון דעם טאג, און ער האט דאך שוין אויך פונקטליך אפ געשריבן די סעקונדע ווען דיין צרה וועט אוועק גיין פון דיר, און ווען עס וועט אָן קומען די מינוט וואס דיין צרה וועט דארפן אוועק גיין פון דיר, וועסטו שוין זעהן דעמאלט'ס אז דיין צרה וועט פלוצלונג נעלם ווערן, אויפן סעקונדע..! און אלעס וועט דעמאלט'ס פלוצלונג צוריק מסודר ווערן כאילו לא היה, און עס וועט נישט איבער בלייבן קיין שום זכר פון דיין צרה וואס דו האסט געהאט.

און ממילא וועגן דעם זאגט אונז דער הייליגער תורה הק' אין פרשת ראה (קפיטל ט"ז פסוק א'), אז: "שָׁמוֹר אֶת חֹדֶשׁ הָאָבִיב" – אז דו זאלסט גוט אפ היטן אין קאפ דעם געדאנק אז ענק זענען ארויס געגאנגען פון ענקער גלות מצרים: "בְּחֹדֶשׁ הָאָבִיב" – דו זאלסט גוט אפ היטן אין קאפ דעם געדאנק אז ענק זענען ארויס געגאנגען פון ענקער גלות מצרים אין א צייט וואס עס איז געווען לופטיג און איינגענעם ארויס צו גיין דעמאלט'ס אינדרויסן אויף די גאס, ווייל דער הייליגער תורה הק' וויל, אז: "שָׁמוֹר וְזָכוֹר" – אז דו זאלסט גוט געדענקען דעם געדאנק, אז וואס..?! אז ווען די יודישע קינדער זענען ארויס געגאנגען פון מצרים, דעמאלט'ס איז דאס געווען: "כל כולו חסד" פון דעם אייבערשטן: "מתחילה ועד סוף", און אפילו די "וועטער" האט דעמאלט'ס אויך מיט גע'ארבעט.

ווייל די געדאנק איז, אז א יודיש קינד דארף דאך שטענדיג געדענקען, אז ווען עס איז מיר נישט באשערט צו ליידן, דעמאלט'ס וועט אלעס זיין אויפן בעסט'ן ארדענונג, עד כדי כך.. אז אפילו די וועטער וועט אויך מיט שפילן דעמאלט'ס, ווייל אפילו די "דינים" פון דעם אייבערשטן איז דאך אבער אין אמת'ן אויך אָן געפילט מיט גאר גרויסע: "חֲסָדִים וְרַחֲמִים" עד אין לשער, און ממילא וועגן דעם וועסטו קיינמאל נישט באקומען פון הימל קיין שום איבריגע צער אדער: "יְסוּרִים".

און דער הייליגער תורה הק' זאגט דאך אונז שוין טאקע אויך אָן אין פרשת ראה (קפיטל ט"ו פסוק ט"ו), אז: "וְזָכַרְתָּ כִּי עֶבֶד הָיִיתָ בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם" – אז דו דארפס'ט געדענקען אז דו ביזט געווען אמאל א נידריגע קנעכט אין דעם לאנד מצרים, כדי אז דו זאלסט ח"ו קיינמאל נישט צו קומען צו קיין: "גַּאֲוָה", אבער פון

די אנדערע זייט זאלסטו אבער אויך גוט געדענקען, אז: "וַיִּפְקֹד" – אז דו ווייסט ווער עס האט דיר אויס געלייזט פון דיין ביטער'ן גלות מצרים..?!

דער: "יהו-ה אֱלֹקֶיךָ" – דער גרויסער באשעפער וואס פירט זיך אויף מיט דיר מיט די מדה פון: "יהו-ה" – מיט: מִדַּת "הַחֶסֶד" בשעת ווען דו ווערס'ט נאך געשטראפט מיט די מדה פון: "אֱלֹקֶיךָ" – בשעת ווען דו ווערס'ט נאך געשטראפט מיט: מִדַּת "הַדִּין", און.. יא, עס איז: "יהו-ה" בשעת ווען עס איז נאך: "אֱלֹקֶיךָ" – עס איז דאך: "מלא חסדים ורחמים" אפילו בשעת ווען א מענטש ווערט ח"ו געשטראפט, און ווי אזוי האבן צדיקים געזאגט..?! אז "עס איז דאך נאך מיט גרויס רחמים", און עס איז דאך נישט דא אזא זאך אז דער אייבערשטער וועט באשטראפן א מענטש א סעקונדע לענגער ווי עס איהם געווען באשערט באשטראפט צו ווערן.

און ממילא וועגן דעם דארפן מיר טאקע אלע זעהן זיך גאר שטארק מחזק צו זיין מיט: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָּחוֹן" אין דעם הייליגן באשעפער, און מיר דארפן אלע גלייבן: "בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה" אז דער זעלבע באשעפער וואס געבט מיר אמאל אמאל א פראבלעם, געבט מיר אבער אויך מיט צוזאמען מיט דעם געוואלדיגע גרויסע "חסדים" וואס איז דאך: "כל כולו טוב ברוב רחמיו וחסדיו הגדולים והמרובים".

און מען זאגט דאך שוין טאקע אויך נאך גאר א טייער ווארט פון צדיקים, אז די כוונה פון די ווערטער: "לא חמה ולא צינה" איז, אז: "לא חמה" – אז אויב ווילסטו נישט זיין קיין קאכעדיגע יוד, און דו ווילס'ט נישט קאכן און ברענען פארן אייבערשטן ביים דאווענען און ביים לערנען און ביים דינען דעם אייבערשטן, דעמאלט'ס שוין.. וואס קען איך דיר דען זאגן דעמאלט'ס..?! אבער איין זאך בעט איך דיר ר' יוד, און דאס איז, אז: "ולא צינה" – אז זיי אבער אויך נישט קיין קאלטע יוד, נאר דער ווארעם זיך אביסל מיט: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָּחוֹן", ווייל דו דארפס'ט געדענקען ר' יוד, אז אפילו אויב דו האסט ליידער נישט דעם "רצון" צו זיין א פלאם פייער'דיגע יוד וואס ברענט פארן אייבערשטן א יעדע מינוט פון דעם טאג, דארפסטו אבער נאך אלץ נישט זיין וועגן דעם קיין קאלטע יוד, ווייל איבער אלעמען איז דאך אבער דא א: "דרך הממוצע" – ווייל איבער אלעמען איז דאך אבער דא א מיטל וועג – עפעס אין צווישן.

אבער א אמת'ע ערליכע יוד ווייסט דאך שוין אבער זייער גוט, אז עס שטייט דאך שוין אין דער הייליגער תורה הק' אין פרשת צו (קפיטל ו' פסוק ב'), אז דער אייבערשטער האט דעמאלט'ס געזאגט פאר משה רבינו, אז: "זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה" – אז אויב ווילסטו זעהן וואו א יודיש קינד האלט אין זיינע: "עֲלִיּוֹת" אין עבודת השם יתברך, דעמאלט'ס זאלסטו קוקען: "עַל מוֹקְדָה" – דעמאלט'ס זאלסטו קוקען אויף זיין "ברען" וואס ער האט צום הייליגן באשעפער בשעת ווען ער איז עוסק: "עַל הַמִּזְבֵּחַ" – בשעת ווען ער איז עוסק אין "עבודת התפילה" וואס ווערט דאך גערעכנט ווי א: "עבודה להקטיר קטורת על גבי המזבח", און בכלל.. זאלסטו קוקען אויף זיין ברען וואס ער פארמאגט בשעת ווען ער איז מקיים א: "מִצְוַת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא", ווייל דאס ווייזט דאך אז דער מענטש איז טאקע א אמת'ע: "יְרֵא שָׁמַיִם".

און דאס איז דאך די עיקר זאך וואס דער אייבערשטער וויל פון א יודיש קינד, ווייל דער אייבערשטער זאגט דאך שטענדיג פאר א יודיש קינד, אז איך דארף דאך נישט דיינע שיינע גרויסע תעניתים און עבודות און סיגופים, ווייל האב דאך שוין גענוג מלאכים אויבן אין הימל דא וואס קענען באווייזן אסאך אסאך גרעסער'ע עבודות און סיגופים ווי דיר, נאר איך דארף נאר איין זאך פון דיר, און דאס איז, דיין קליינע "פייער" צו מיין הייליגע עבודת הבורא.

און מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז חז"ל זאגן דאך אונז שוין בפירוש, אז: "אֶחָד הַמַּרְבֶּה" – אז סיי א מענטש וואס טוט אסאך, און: "וְאֶחָד הַמַּמְעִיט" – און סיי א מענטש וואס טוט ווייניג, זענען גוט און מרוצה ביים הייליגן באשעפער, אבער: "וּבִלְבַד שֶׁיְּכַוֵּן לִבּוֹ לַשָּׁמַיִם" – אבער ער זאל נאר זיכער מאכן אריין צו לייגן דארט אביסעל'ע "הארץ", ווייל דאס איז דאך וואס דער אייבערשטער וויל פון דיר, דיין "הארץ" מיט דיין "ברען" צום הייליגן: "בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים"..!

און אלע ספרים הק' ברענגען דאך שוין טאקע כסדר ארויס דעם געוואלדיג'ן ענין פון: "הֲכָנָה לְמִצְוָה" – דעם געוואלדיג'ן ענין פון זיך צו גרייטן מיט א: "הֲכָנָה לְמִצְוָה" פארן מקיים זיין א: "מִצְוַת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא", ווייל די: "הֲכָנָה לְמִצְוָה" גרייט דאך פשוט אָן די "הארץ" פון א יודיש קינד צו די הייליגע: "מִצְוַת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא" וואס ער גייט דא יעצט מקיים זיין, און די: "הֲכָנָה לְמִצְוָה" ברענגט דאך אויך ארויס די געוואלדיגע: "שימת לב" פון א יודיש קינד צו א: "מִצְוַת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא", און וועגן דעם טאקע זענען מרוצה ביים אייבערשטן סיי דער מענטש וואס טוט ווייניג, און סיי דער מענטש וואס טוט אסאך, ווייל די עיקר איז דאך אז: "וּבִלְבַד שֶׁיְּתַכֵּוֵן לִבּוֹ לַשָּׁמַיִם" – ווייל די עיקר איז דאך אז דער מענטש זאל מקיים זיין דעם מצוה ווייל ער וויל זיין "דבוק" צום הייליגן באשעפער, און ווייל ער וויל פאר שאפן מיט דעם א: "נַחַת רוּחַ" פארן הייליגן באשעפער.

און אויב א יודיש קינד פארמאגט דעם "ברען" ביים דאווענען, און ער דאוועט מיט א פלאם פייער, און ער טראכט נישט פון דאס וואס עס טוט זיך ארום איהם, קען ער דעמאלט'ס זוכה זיין אז זיין תפילה זאל גאר שנעל נתקבל ווערן אויבן אין הימל, ווייל מיר זאגן דאך שוין אלע בפירוש ביי שמונה עשרה דריי מאל א טאג, אז: "רְצֵה יהו-ה אֱלֹקֵינוּ בְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל" – אז דער אייבערשטער זאל באוויליגן די יודישע קינדער, און: "וְלִתְפִלָּתָם שְׁעֵה" וכו' – און ער זאל זיך קערן צו זייערע תפילות, אבער: "וְאִשֵּׁי יִשְׂרָאֵל" – אבער די "ברען" פון א יודיש קינד וואס קומט צוזאמען מיט: "וּתְפִלָּתָם" – אבער די "ברען" פון א יודיש קינד וואס קומט צוזאמען מיט א ווארימ'ע "תפילה" צום הייליגן באשעפער, דאס איז דאך שוין: "מְהֵרָה בְּאַהֲבָה תְּקַבֵּל בְּרָצוֹן" – דאס וועט דאך שוין דער אייבערשטער גאר שנעל אָן נעמען אויבן אין הימל.

און נישט נאר אז דער אייבערשטער וועט גאר שנעל אָן נעמען די תפילה פון א יודיש קינד וואס קומט מיט א "ברען" פון טיפעניש'ן פון הארץ, נאר: "בְּאַהֲבָה תְּקַבֵּל בְּרָצוֹן" – נאר דער אייבערשטער וועט דאס אויך אָן נעמען מיט א מורא'דיגע שטארקע "חיבה יתירה" – נאר דער אייבערשטער וועט דאס אויך אָן נעמען מיט א מורא'דיגע שטארקע "ליבשאפט", ווייל עס ליגט דאך אין דעם די טייער'סטע זאך וואס עס איז דאך נאר דא ביים אייבערשטן, און דאס איז דאך דעם: "לב ישראל" – און דאס איז דאך די "הארץ" פון א יודיש קינד.

און מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז דער אייבערשטער דארף דאך נאר איין זאך פון א יודיש קינד, און דאס איז דאך, זיין "הארץ" – זיין גוטע כוונה ווען ער פארמאגט אין "הארץ" בשעת ווען ער טוט דעם: "רְצוֹן הַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ", און חז"ל זאגן דאך אונז שוין טאקע בפירוש, אז: "רחמנא ליבא בעי" – אז דער אייבערשטער דארף דאך "נאר" די "הארץ" פון א יודיש קינד, און ממילא וועגן דעם: "וּתְהִי לְרָצוֹן תָּמִיד" – און ממילא וועגן דעם וועט א תפילה וואס קומט מיט א "ברען" פון טיפעניש'ן פון הארץ גלייך ארויף גיין: "לְרָצוֹן תָּמִיד לִפְנֵי אֲדוֹן כֹּל":

וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר בַּעֲבוּר זֶה עָשָׂה יהו-ה לִי בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם: עס ווערט געברענגט אין דעם הייליגן אור החיים הק', אז עס איז כדי אָן צו מערקן, אז די פסוק פון: "וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא" האט אויך נאך א כוונה חוץ פון דעם עצם פשוט פשט פון דעם פסוק, און דער הייליגער אור החיים הק' זאגט אונז דא אזוי, אז די פסוק מיינט דא אזוי צו זאגן, אז: "וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ" – אז די "מצות הגדה" פאר דיין זוהן האט אויך נאך א חלק אין דעם, און דאס איז, אז דו זאלסט דערציילן פאר דיין זוהן, אז: "בַּיּוֹם הַהוּא" – אז אין די "נאכט" פון "יציאת מצרים" איז ליכטיג געווארן פאר אלע יודישע קינדער, און עס איז געווען דעמאלט'ס פשוט "טאג" אינמיטן די נאכט, און.. יא, די "נאכט" איז דעמאלט'ס געווארן אויף געלויכט'ן פונקט אזוי ווי אינמיטן העלן "טאג", און דער הייליגער זוהר הק' זאגט דאך אונז שוין טאקע אויך, אז עס איז דעמאלט'ס ליכטיג געווארן: "כתקופת תמוז".

און אין די חיוב פון די מצוה פון "הגדה" גייט דאך טאקע אויך אריין דעם חלק אז א טאטע זאל זאגן פאר זיין קינד, אז ווען די יודישע קינדער זענען ארויס געגאנגען פון מצרים, דעמאלט'ס איז פשוט געווען:

"בַּיּוֹם" – דעמאלט'ס איז פשוט געווען "טאג", און עס איז דעמאלט'ס אראפ געקומען גאר גאר א שטארקע: "אור מן השמים", און דאס איז דאך אויך א חלק פון דעם חיוב פון "סיפור יציאת מצרים", אזוי זאגט דער הייליגער אור החיים הק'.

און עס איז טאקע אויך כדי צו דערמאנען ביי דעם געלעגענהייט גאר א טייער ווארט פון דעם הייליגן קוזניצ'ער מגיד זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, ווייל דער הייליגער קוזניצ'ער מגיד זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל האט אמאל געפרעגט אזא קשיא, אז וואס איז פשט אז עס איז דא א מצוה פון "סיפור" יציאת מצרים – וואס איז פשט אז עס איז דא א מצוה צו "דערציילן" די ניסים וואס עס איז געשעהן פאר די יודישע קינדער אין מצרים, מען זעהט דאך נישט ביי קיין שום נס וואס דער אייבערשטער האט געמאכט פאר די יודישע קינדער אז עס זאל זיין א מצוה צו "דערציילן" די מעשה וואס עס איז געשעהן דעמאלט'ס..?! און ממילא פארוואס איז דא אנדערש און עס איז יא דא א מצוה פון "סיפור" יציאת מצרים..?!

האט דער הייליגער קוזניצ'ער מגיד זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל גע'ענטפערט אזוי, אז די טעם פארוואס עס איז יא דא א מצוה פון "סיפור" יציאת מצרים איז, ווייל עס שטייט דאך שוין אין חז"ל, אז די ניסים פון יציאת מצרים ווערט דאך באנייט א יעדע יאר פון דאס ניי, און עס שטייט דאך אויך בפירוש אין חז"ל, אז א יעדע יאר ווען עס קומט אָן די יום טוב פון "פסח", שפילט זיך דעמאלט'ס נאך אמאל איבער אלע: "נִסִּים וְנִפְלָאוֹת" וואס עס איז געשעהן: "בַּיָּמִים הָהֵם", און אויב דאס שפילט זיך נאך אמאל איבער א יעדע יאר פון דאס ניי, דעמאלט'ס דארפן מיר דאך רעדן פון דעם, ווייל דורך דעם וואס מען רעדט פון דעם, איז מען דאך מעורר די אלע: "נִסִּים וְנִפְלָאוֹת" וואס זענען דעמאלט'ס געשעהן, און מען איז דאס ממשיך אז דאס זאל אויך קענען משפיע זיין אויף אונז: "בִּזְּמַן הַזֶּה" – היינטיגע צייטן.

ווייל מיר ווייסן דאך שוין אלע זייער גוט, אז: "קריאה" איז דאך מעורר: "את הזמן", און ממילא דורך דעם וואס מיר רעדן פון די ניסים פון יציאת מצרים, מאכן מיר די יעצטיגע טעג אויך פאר: "יְמֵי נִסִּים וְנִפְלָאוֹת", און אזוי.. קענען מיר היינטיגע צייטן אויך ממשיך זיין: "ישועות ורפואות וכל טוב לנו ולכל ישראל", ווייל אויב די יעצטיגע זמן ווערט אויך א זמן פון ניסים, דעמאלט'ס קענען מיר דאך שוין אויך נהנה זיין פון די "כח הניסים" פון אמאל.

און ממילא וועגן דעם איז יא דא א מצוה פון "סיפור" יציאת מצרים – אז מען דארף "דערציילן" די ניסים פון יציאת מצרים מיט אונזער מויל, ווייל מיט אונזער מויל קענען מיר זיך יעצט שאפן א זמן פון ניסים.

און פון דעם הייליגן ווארט פון דעם הייליגן קוזניצ'ער מגיד זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל קומט דאך אויס, אז ווען מיר דערציילן די ניסים פון יציאת מצרים, און מיר דערציילן פאר אונזערע קינדער אז עס איז ליכטיג געווארן אין די "נאכט" פון יציאת מצרים אזוי ווי אינמיטן העלן "טאג", דעמאלט'ס זענען מיר ממשיך דעם זעלב'ן אור אויך: "בִּזְּמַן הַזֶּה" – היינטיגע צייטן, און עס ווערט אונז אויך ליכטיג אין אונזערע שטובער דורך דעם וואס מיר רעדן פון דעם אז עס איז ליכטיג געווארן פאר די יודישע קינדער: "בַּיָּמִים הָהֵם", איי פארוואס..?! די תירוץ אויף דעם איז, ווייל ביי יציאת מצרים איז דאך ליכטיג געווארן אזוי ווי אינמיטן העלן "טאג", [אזוי ווי דער הייליגער אור החיים הק' זאגט דאך אונז שוין טאקע בפירוש], און ממילא ווען מיר רעדן דערפון, דעמאלט'ס זענען מיר דאך מעורר יענע גרויסע אור וואס עס איז געווען דעמאלט'ס, און ממילא וועגן דעם ווערט אויך ליכטיג אין אונזערע שטובער אזוי ווי אינמיטן טאג ווען מיר דערציילן דעם סיפור פון "יציאת מצרים".

און דער אייבערשטער לייכט דעמאלט'ס אויך אויף אונזערע נשמות ברוחניות ובגשמיות, און ער דרייט דעמאלט'ס איבער פון: "צָרָה" צו: "רְצֶה", און פון: "נֶגַע" צו: "עֹנֶג", און פון: "פֶּשַׁע" צו: "שֶׁפַע", און פון: "מַחֲלָה" צו: "חֶמְלָה", און צו: "רָעָב" צו: "עֲרֵב", און פון: "נֶגֶף" צו: "גֶּפֶן", און פון: "בֶּהָלָה" צו: "לֶהָבָה", און פון: "חֶרֶב" צו: "חָבֵר" און: "רָחָב", און ועל כולם.. וועלן מיר שוין אויך קענען זוכה קענען

זיין אז דער אייבערשטער וועט שוין בקרוב ממש איבער דרייען דעם ביטער'ן: "גָלוּת" צו: "וְתָגֵל" – צו א ליכטיגע פרייליכע צייט, און עס וועט שוין גאר בקרוב זיין: "יִשְׂמְחוּ הַשָּׁמַיִם וְתָגֵל הָאָרֶץ", און מיר וועלן שוין קענען זוכה זיין צו דעם אמת'ן: "שִׂמְחָה" פון: "בִּיאַת מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ" צוזאמען מיט דעם: "בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הַשְּׁלִישִׁי", אבער על כל פנים.. די גאנצע מזל פון דעם יוד ווערט דאך דעמאלט'ס אינגאנצן איבער געדרייט צום גוט'ן.

און אויב דו ווילס'ט וויסן די אמת'ע סיבה פארוואס דאס מזל פון א יודיש קינד טוישט זיך ווען ער דערציילט די סיפור פון יציאת מצרים..?! וועל איך דיר אויך אויס זאגן די סיבה פון דעם, די סיבה פון דעם איז, ווייל דער הייליגער קוזני'צער מגיד זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל האט דאך אונז שוין אמאל געזאגט, אז אין דעם הייליגן נאכט פון: "לֵיל שִׁמֻּרִים" קען זיך דאך א יעדע יודיש קינד טוישן זיין מזל, און א יעדע יודיש קינד קען דאך דעמאלט'ס אינגאנצן איבער דרייען זיין מזל צום גוט'ן, און א יעדע יודיש קינד קען דאך דעמאלט'ס געראטעוועט ווערן פון א יעדע סארט צער וואס עס איז נאר פארהאנען אויף דער וועלט.

און ממילא ווען מיר ליינען יעצט די פרשיות פון "סיפור יציאת מצרים", זענען מיר דאך יעצט מעורר די אלע: "נִסִּים וְנִפְלָאוֹת" און השפעות וואס עס האט זיך געגאסן פון הימל ביי יציאת מצרים, [און אזוי אויך א יעדע יאר פסח אויף דער נאכט אין דעם הייליגן: "לֵיל שִׁמֻּרִים", און ממילא וועגן דעם קענען מיר יעצט אלע אויך זוכה זיין צו א נייע גוטע מזל פון הימל: "מַשְׁפֵּעַ בְּרָכָה עֶלְיוֹנָה".

און בכלל.. ווייסן מיר דאך שוין טאקע אלע אויך, אין ביי "יציאת מצרים" איז דאך געווען א בחינה פון: "זֶה אֵ-לִי" – מען האט דעמאלט'ס קלאר געזעהן דעם אייבערשטן: "עַיִן בְּעַיִן", און עס איז אמת טאקע אז ביים ים סוף האט זיך טאקע ערשט קלאר ארויס געשריגן: "בְּפֶה מָלֵא" דעם: "זֶה אֵ-לִי", אבער ביי יציאת מצרים האט איז שוין אויך געווען די בחינה פון: "זֶה אֵ-לִי", און א יעדער איינער האט שוין דעמאלט'ס אויך קלאר געקענט אָן ווייזן מיט די פינגער אז דאס איז מיין גאט וואס האט מיר ארויס גענומען פון דעם טמא'נעם לאנד מצרים, און די ווענט פון מצרים האבן דעמאלט'ס אויס געשריגן אז קיין באשעפעניש אויף דער וועלט האט זיך דאך נאך נישט ארויס געזעהן פון אונזערע שטארקע פארמאכט'ע מויער'ן.

אבער.. יא, די שטארקע פעסטע פארמאכט'ע מויער'ן פון מצרים האט דער אייבערשטער אויף געבראכן, און: "וַיּוֹצֵא אֶת עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל מִתּוֹכָם לְחֵרוּת עוֹלָם" – און ער האט ארויס געצויגן זיינע ליבע קינדער פון דארטן, נו וואס ווייזט דאס..?! דאס האט עפעס צו טוהן מיט א "מזל"..?! זיכער נישט, ווייל קיין שום מזל האט דאך נישט געהאט קיין שום הוה אמינא אז די יודישע קינדער גייען קענען אויף ברעכן אזעלכע גרויסע שטארקע מויער'ן וואס קיין נברא אויף דער וועלט האט דאס נאך נישט באוויזן אויף צו ברעכן.

נאר וואס ווייזט דאס יא..?! די תירוץ אויף דעם איז, אז דאס ווייזט איין זאך, און דאס איז די ענין פון: "זֶה אֵ-לִי" – דאס איז די ענין אז דאס איז אלעס איין גרויסע: "יַד יהו-ה" וואס האט דא ארויס געצויגן די יודישע קינדער פון די מ"ט שערי טומאה ביים לעצט'ן רגע, ווייל קיינער האט דאך נישט געקענט דעמאלט'ס קומען טענה'נען אז דער מזל האט גורם געווען אז די יודישע קינדער זאלן זיך ארויס ברעכן פון מצרים, אדער אז יענער שטות האט דאס גורם געווען, ווייל א דורך ברעכן אזעלכע גרויסע אייזענ'ע מויער'ן פון מצרים קען דאך קיינער נישט אויסער דער גרויסער: "מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" מיט זיין גרויסן: "יָד הַחֲזָקָה" און זיין גרויסן: "זְרוֹעַ הַנְּטוּיָה".

און מיר וועלן ענדיגן מיט די ווערטער, אז מיר דארפן אלע לעבן מיט: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָּחוֹן" אין דעם הייליגן: בּוֹרֵא כָּל "עוֹלָמִים", און די סיבה פארוואס מיר זאגן דא דעם לשון אז מיר דארפן אלע לעבן מיט: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָּחוֹן" אין דעם הייליגן: בּוֹרֵא כָּל "עוֹלָמִים" איז, ווייל די לשון: "עוֹלָמִים" איז דאך א לשון פון: "הַעֲלָמָה" – פארהוילן און באהאלטן, ווייל לײדער לײדער ווערט דאך א יעדן טאג באשאפן פריש'ע צרות ישראל וואס עס פעלט זיך אויס צו דעם גאנצע'טע בערג מיט: "אֱמוּנָה" און: "בִּטָּחוֹן" אין

דעם הייליגן: בּוֹרֵא כָּל "עוֹלָמִים" וואס טוט אונז נאר גוט'ס, און.. יא, דער גרויסער: "מֶלֶךְ טוֹב וּמֵטִיב" טוט אונז נאר גוט'ס, און טראץ דעם וואס די גוט'ס געפונט זיך אין אזא: "הַעֲלָמָה" – און טראץ דעם וואס די גוט'ס געפונט זיך אין אזא פארהוילנ'קייט און באהאלטנ'קייט, גלייבן מיר אבער אפילו הכי אלע אינאיינעם אז דאס איז אלעס: "כל כולו טוב מתחילה ועד סוף בלי שום ספק כלל וכלל"..!

און מיר דארפן אלע שטענדיג ווייטער ווייזן מיט די פינגער דעם: "זֶה אֵ-לִי", און מיר דארפן אלע ווייטער שטענדיג געדענקען אז "אלעס איז דער אייבערשטער", אלעס איז דער אייבערשטער, אין אפילו "אין" מיר אליין.. געפונט זיך אויך דער אייבערשטער.

און די ווארט: "זֶה" – איז דאך טאקע אויך גימטריא: "בִּי" – אין מיר, ווייל א יודיש קינד דארף דאך אויך שטענדיג געדענקען, אז אפילו "אין" מיר געפונט זיך דאך אויך דער: אֵ-לִי" – אפילו "אין" מיר געפונט זיך דאך אויך דער הייליגער באשעפער, און אויב איך געב א קרעכטץ אין מיין הערצעל'ע צום אייבערשטן, דעמאלט'ס ווייסט ער דאך אוודאי געוויס דערפון, און ער הערט דאך מיר דעמאלט'ס אוודאי געוויס אויך אויס, און די ווערטער: "זֶה אֵ-לִי" – איז דאך טאקע גימטריא: "גַּן", ווייל אויב א יודיש קינד לעבט אזא סארט לעבן פון: "זֶה אֵ-לִי" – ווייל אויב א יודיש קינד לעבט אזא סארט לעבן אז "אלעס איז דער אייבערשטער", דעמאלט'ס לעבט ער [אויף דער וועלט] אין א אמת'ע: "גַּן עֵדֶן":

**תם ולא נשלם! שבח ושירה לא–ל אשר שבת ברא!**

**יצא לאור לזכר נשמת מרן רבינו ישראל אברהם**
**בן אליעזר זוסיא זצוק"ל.**

**ולז"נ זקני הרב ר' יצחק בן יונה ז"ל**

**(לקבלת הגליון שלח למייל: skulennigun@gmail.com).**

התאחדות הבחורים שע״י חבורת משנת אליעזר בארה״ק

# מנחת ביכורים

בגילת הוד ורנן להשם יתברך על שזכינו
לשבת באהלה של תורה ובפרט בהגיע עת השמחה כזאת
שזכינו לשמח חתן וכלה בשמחה ובטוב לבב
שולחים אנו מנחת ביכורים למע״כ

## אבינו רועינו עט״ר שליט״א

לרגל שמחת נישואי בנו

## החתן שמעון מרקוביץ שליט״א

הננו בזה לשלוח לכבודכם שעות רצופות לימוד התורה שהגינו בתורה הקדושה חמדת לבבינו אשר בה נברא העולם ועי״ז מתקיים כל העולם כולו וכל הברכות מתלוות אליה ותודה לאל שזכינו להקדיש בחודש שלפני יום החופה

**סך של 3,000 רבעי שעות רצופות**

ומעומק הלב נברך את החתן כלה שבזכות התורה הקדושה תזכו לבנות בית נאמן בישראל ותזכו לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות באמת ולשבת באהלה של תורה כל ימי חייכם בבריות גופא ונהורא מעליא ואך טוב וחסד ירדפוכם כל ימי חייכם ומשמחה זו יתמשך עליכם רב שפע קודש ונזכה לשמוח תמיד בשמחה ובטוב לבב מרוב כל עדי נזכה בקרוב לביאת משיח צדקינו ולבנין בית המקדש השלישי במהרה בימינו אמן:

החותמים בשמחה:

יצחק שאטלאנד
אברהם נחמן בלויא
משה בר״ח מרקוביץ
משה בריו״ט מרקוביץ
שרגא מרקוביץ

שרגא דווידוביץ
שרגא שאטלאנד
שמואל צ. דווידוביץ
יהודה מרקוביץ
משה ברש״י מרקוביץ